STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07312

DI FERTE STRUNE

Shike Driz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
אוועטעפקי
יבאטנעל

שיקע דריז

די פֿערטע קערץ

מאָסקווע
1969

כאָטש שוואכער און שוואכער עס ווערן די אויגן
און אָפּשיידן ווערט שווערער דאָס בלויע פון גרוי,
וועל איך ניט אופהערן, וועל איך ניט מיד ווערן
זוכן די נאָדל אין א סקירדע מיט שטרוי...

א ייד
בענטשען

אײַך, מענטשן

כאָטש איך האָב קיין דראטווע
און קיין פּיצל לעדער,
ניט קיין פּאפּ און ניט קיין פלעקל,
כוץ א טינט און פעדער, —
דאָך וואָלט איך, דאָך וואָלט איך
גענומען מײַן קאיאָר,
און אופגענייט איך וואָלט פון אים
מעשטעלעך א פּאָר.

זאָל א קינד, וואָס קאָן שוין גיין
און קאָן שוין עפּעס זאָגן,
אף די ליפּן מײַן גוטמאָרגן
אײַך אנטקעגנטראָגן.

כאָטש איך האָב קיין שערל,
וואָס האָט די ווערט א דרײַער,
ניט קיין ציץ און ניט קיין פּאָדעם,
כוץ א שטיקל בלײַער, —
דאָך וואָלט איך, דאָך וואָלט איך
קיין רעגע ניט געטראכט,
פאר דעם קליינוואַרג פון מײַן טאָג
קאָפּטעלעך געמאכט.

זאָל אַ מאַמע שוין איינעם
מיט איר קינד געבענטשטן
אַף די הענט אַרומטראָגן
מײַן גוטהעלף פאַר מענטשן.

כאָטש כ׳האָב ניט קיין וואָלנס,
וואָס זאָל אַף עפּעס טויגן,
ניט קיין זײַד און ניט קיין פּליוש,
כוץ פּאַפּיר אַ בויגן, —
דאָך וואָלט איך, דאָך וואָלט איך
גענומען מײַן פאַרנאַכט
און פון אים אַ טשיפּעקל,
אַ ציאַצקעלע געמאַכט.

זאָלן קינדער שוין אין פרײדן,
אין דער ווײַט צי נאָענט,
שטענדיק אײַך אַנטקעגנטראָגן
מײַן האַרציקן גוט־אָוונט.

1960

ניט איך וויין און ניט איך לאך

זאָל זײַן די טרער
די הייסע געבענטשט, —
א מענטש
דארף זײַן א מענטש!

נאָר מײַנע אויגן —
א טרוקענער דנאָ;
קיין איינציקע טרער
איז ניטאָ.

זאָל זײַן דאָס לאכן
דאָס געזונטע געבענטשט, —
א מענטש
דארף זײַן א מענטש!

האָט אָבער געטראָפן
מיט מיר אזא זאך,
אז ניט איך וויין
און ניט איך לאך.

1948

מײַנע קווייטן

באַנאַכט, ווען מע זעט ניט קיין פונק אין
די שטיבער,
וועגן זיי, וועגן די קווייטן, טראַכט איך
איבער;

און טויזנט מאָל צום פענצטער לויף איך צו
און געפין זיך אַף דער עלטער ניט קיין רו.

איך האָב מוירע, אַז עמעצער, בעקיוון,
וועט צעטרעטן זיי אין גאָרטן מיט אַ שטיוול...

צי אַן אויסוווּרף מיט אַ מיִעסן זידל־וואָרט
וועט גאָר איבערשרעקן מײַנע קווייטן דאָרט...

קאָנען זיי, כאָלילע, דאָס קוועקזילבער צעשיטן,
קאָנען זיי, כאָלילע, די זאַפטן ניט פאַרהיטן,

די דינע רייכעס, די צאַרטע פאַרבן
און קאָנען, ניט פאַר אונדז געדאַכט,
כאָלילע שטאַרבן...

הײַנט אָדער מאָרגן, די שאָ קאָן דאָך קומען,
דערלאַנגען אַ קוויטל און מאָנען די בלומען —

איז וואָס וועל איך ענטפערן, וואָס וועל
איך זאָגן?
עס האָט זיי אַ דונער, אַ האָגל דערשלאָגן?

כ׳האָב שלעכט זיי געהיט? פאַרשפּילט
זיי אין קאָרטן?
צי עפּשער פאַרשיקערט די קווייטן פון
גאָרטן?..

באַנאַכט, ווען מע זעט ניט קיין פונק אין
די שטיבער,
ווענן זיי, ווענן די קווייטן, טראַכט איך
איבער;

און טויזנט מאָל צום פענצטער לויף איך צו
און געפין זיך אויף דער עלטער ניט קיין רו.

1962

דער לערער

אָט זע איך א ווינטער־פרימאָרגן,
א דאָרף, ווי א קנײַלעכל וואָל,
און זיך מיט א פּעקעלע העפטן
אינדערמיט פון א ליכטיקן טאָל.

פריש געפאלענע שנייען.
ביימער אין פראָסטיקן צווייט.
איך טרעט אין די גריבעלעך גרייטע
פון מײַן לערערס געמאָסטענע טריט.

דאכט זיך מיר בא הײַנטיקן טאָג,
ווען ס'זײַנען שוין גראָ מײַנע האָר,
אז איך גיי אים שוין נאָך אָט אזוי
גאנצע זעכציק יאָר.

1962

יוגנט

אײנמאָל, אײנמאָל אין א לעבן
װערסטו, יוגנט, אונדז געגעבן
מיט דײַן לאַכן, מיט דײַן װײנען,
מיט די אַלע זיבן כײנען;
מיט דײַן זאַפּרען, מיט דײַן קימל,
מיט דײַן װוּנען, אויפֿן הימל,
מיט דײַן מאָרגן, מיט דײַן איצטער,
מיט דײַן טאַפּן אינדערפֿינצטער,
מיט דעם ציטער פֿאַר דעם גליק
און דײַן װעלן כאַפּן צוריק.

1938

דער ערשטער שניי

א שניי איז אויסגעפאלן הייַנט
א קלאָרער און א ציכטיקער,
ווייַזט זיך אויס — די גאנצע וועלט
איז פרייליכער און ליכטיקער.

איך עפן אויף מייַן ברייטע טיר
און טראכט, צי גיין, צי ניין.
צי זאָל ער ליגן נאָך א שאָ,
דער שניי, ווי שפּיגל ריין.

נאָר פּלוצעם טוט א טיר א סקריפּ
און אומריינס טוט א פּליוך,
און ס'לויפט א כאזער דורך פארבייַ
און טרעט מייַן שניי — מייַן פוך...

ווער איך בייז און אויסער זיך
און מייַן פארדראָס איז גרויס, —
ווייַל שטענדיק צווישן יאָ און ניין
כאפּט א כאזער אויס.

1965

שטיל, שטיל, שטיל

געטרונקען, געזשומעט
שוין איבערגענוג.
באגלייט זשע מיך, כאווער,
צום קיִעווער צוג.
דאָרט, בא מײַן מאמען,
געבליבן מײַן שפּיל,
וואָס הייסט בא די קינדער
שטיל,
שטיל,
שטיל.

כ׳וועל לאָזן אין דרויסן
מײַן קלומעק מיט זינד,
כ׳וועל בעטן די מאמע
פארוויגן איר קינד;
פארוויגן, ווי דעמלט,
אין יענער־אָ שפּיל,
וואָס הייסט בא די קינדער
שטיל,
שטיל,
שטיל.

פארטאָג וועט מײַן כאָלעם
אנטרינען ווי נעפּל

און לאָזן צוקאָפּנס
א ווײַניקן עפּל
און ווינטשן א זײַ־געזונט,
געענדיקט די שפּיל...
באַגלייט זשע מיך, כאַווער,
שטיל,
שטיל,
שטיל.

1964

מענטשן דערציילן

ווען מע האָט מיך פארפּוצט אין א מאנישקע
מיט א שניפּס
און זי, די קאלע מײַנע, אין איר ווײַס־
געפּאלדעט קלייד,
האָט אין אונדזערע אויגן — דערציילן
מענטשן —
געשײַנט און געלויכטן א יאם מיט פרייד.

ווען די מעשענע טאצן און די הילצערנע
פּלייטן
האָבן אונדז פון דער כופּע געפירט צוריק,
האָט אין אונדזערע אויגן — דערציילן
מענטשן —
געשײַנט און געלויכטן א יאם מיט גליק.

און שפּעטער מיט יאָרן, ווען איך און
מײַן ווײַב
האָבן שוין ארויסבאגלייט אונדזער קינד
פונעם טויער,
האָבן מענטשן געזען אין אונדזערע אויגן
א יאם מיט טרויער.

הײַנט זיץ איך באם יאם און איך ווארט
אף א בריוו —

א טאטע פון קינדער און א זיידע א גרויער —
און קוק זיך אײַן אין דער בלויער טיף
פון א יאם פול פרייד,
פון א יאם פול גליק,
פון א יאם פול טרויער.

1964

צו מײַן קינד

באם שוואַרצן יאם
האָט מיר דערציילט
די ווײַסע מעווע,
וואָס שוועבט אין לופט,
אַז דער יאם אַליין
איז מיר מעקאַנע
מיט מײַן גילדן פישעלע,
וואָס ליגט און שלאָפט.

באַם שוואַרצן יאם
עס גרינען סעדער
און בלומען פּרעכטיקע
דאָרט וואַקסן אויס,
נאָר יעדעס בלעטל
איז מיר מעקאַנע,
וואָס ס׳וואַקסט בא מיר
אַזא מין רויז.

באַם שוואַרצן יאם
פיל קלאָרע קוואַלן,
נאָר מיר האָט אײַנגערוימט
בעסאָד דער ווינט,

אַז ס'איז נישטאָ
אַזאַ מין קוועלכל,
וואָס פּלאַפּלט פריילעכער,
ווי דו, מײַן קינד!

1964

מײַן שענסטע ליד

אד, ווען מעקויעם זאָל ווערן מײַן ווילן:
אָזערעם צוויי וואָלטן זײַן מײַנע ברילן.

א וואָלקן א בלויער וואָלט א העמד מיר
געשיקט —
א העמד אי פון זון, אי פון רעגן געשטריקט.

דער וואַלד וואָלט א דעמבל געשענקט
פאַר א שטעקן —
שפּאַן איך די וועלט אוים פון אַלע פיר עקן.

גיי איך און גיי און דערזע א געצעלט,
זיצט דאָרט א טויב און זי ציטערט פאַר קעלט.

צעהאַק איך מײַן שטעקן, כאָטש ער איז
מיר טײַער,
און צעלייג אפן פּריפּעטשיק טײקעף א
פײַער —

װאַרעם זיך, טײַבעלע, רייבער זיך, קוימען!
דערזע איך א פעלד מיט פאַרדאָרבענע זוימען,

נעם איך מײַן העמדל, מײַן איינציק פאַרמעגן,
און דעק צו דאָס פעלד מיט זון און מיט רעגן.

גיי איך מיר וויַיטער דורך א דערפל א שטילן,
זע איך, ווי קינדער אין די גאַזעס שפּילן,

לאָזן דאָרט שיפלעך אַף מײַנע פּאָר ברילן —
איז עפּשער מעקויעם געוואָרן מײַן ווילן?..

ווען דאָס זאָל זײַן עמעס, ווי איך בין א ייִד —
דאָס וואָלט געווען דאָך די שענסטע מײַן ליד!

1967

מײַן קאָפּ איז גרוי...

שמועל האלקינען

מײַן קאָפּ איז גרוי,
דער אקסל מיד,
נאָר ניט אויסגעװעפּט
אין הארץ מײַנעם די ליד...

װאָלט איך אָנהײבן
פון אָנהײב אַלץ געקענט,
װאָלט איך אויסגעשטרעקט
צום הימל מײַנע הענט —

און געלאָפן,
און געשפּילט זיך,
װי א קינד,
מיט דעם האָגל,
מיט דעם רעגן,
מיט דעם װינט.

דער קאָפּ איז גרוי,
דער אקסל מיד,
נאָר ניט אויסגעװעפּט
אין הארץ מײַנעם די ליד.

װאָלט מיר אָנהײבן
פון אָנהײב זײַן באשערט,

וואָלט איך נעמען
אױף די הענט מײַנע די ערד —

מיט די װיכערס,
מיט די זליוועס,
מיט דער קעלט,
כ'האָב א כעזשבן
נאָך א גרויסן
מיט דער וועלט.

נאָך ניט אויסגעשעפּט
מײַן טיפער יאם מיט לייד,
נאָך ניט אָנגעפּילט
מײַן פינגערהוט מיט פרייד...

דער קאָפּ איז גרוי,
דער אקסל מיד,
נאָך ניט אויסגעשאלט,
ניט אויסגעשפּילט מײַן ליד.

1956

באָם סאַמע דניעפּער

אַף פּאַדאָל,
באַם סאַמע דניעפּער,
בענקט א מאַמע נאָך איר זון;
ליבער כאַווער,
פאַרסט קיין קיִעוו,
קלאַפּ איר דאָרט אין פענצטער אָן.
זאָג איר גאָרניט,
וואָס איז ווערטער...
מאַך פאַמעלעך צו די טיר,
עס און טרינק
מײַן וועטשערע,
וואָס שטייט דאָרט אָנגעגרייט פאַר מיר.
שפּאַר זיך צו
אַף מײַנע קישן,
לעש ניט אויס די קאַרגע שײַן
און מיט מײַנע אויגן, כאַווער,
קוק זיך אין איר פּאָנעם אײַן.
פון יעדער רינוועלע,
פון יעדער קנייטשל
וועט רינען לויטערקײַט,
וועט שײַנען גליק,
ווען ס׳וועט זיך איר דאַכטן,
אַז דאָס בין איך געקומען

מיט פינף און דרײַסיק יאָר צוריק.

שוין אָנגעזונגען זיך מיט לידער,
בא אלע פאָרהענגלעך געווען,
שוין אויסגעמאָסטן אלע שטעגן
און ניט נאָר איין מאָל — א מאָל צען.
פון גליק א מידער, דרייט דער קאָפּ זיך
מיט שײַן לעוואָניקער באצירט —
שוין אלע מיידלעך צו די גאנעקעס,
צו די טרעפּלעך אָפּגעפירט,
שוין אלע שטערן אויסגעלאָשן
און ס׳האלט שוין ערגעץ בא קאיאָר,
נאָר מײַן מאמע דאָס אויג פארמאכט ניט —
שוין גאנצע פינף און דרײַסיק יאָר.
זאָג איר גאָרניט, וואָס איז ווערטער...
גיב קיין גרוס פון מיר ניט אָפּ —
פאר איר בין איך סײַווי געבליבן
א נאריש קינד מיט א גראָוון קאָפּ.

1945

טיק־טאַק, טיק־טאַק

דער זייגער טיקעט
טיק־טאַק, טיק־טאַק,
די באָבעניו לאַטעט
איר פּליושענעם סאַק.

די מאַמע איז עפּעס
פאַרזאָרגט און פאַרבענקט,
דעם טאַטעניום פידל
אויף א צוועקעלע הענגט.

איך זיץ אינדערשטיל,
און א שטעקל איך שניץ,
אַמאָל נאָר, אַמאָל
טוט דער פידל א זיפץ.

1941

האַרבסט

ען אונטער דער סטריכע
פון פּאָפּעליאַטע שטרוי
מיט פאַריסענע סטאָנדלעך
הענגט דער פּאַפּעשוי,

און ס׳וואַרעמט זיך ווישניק
אין פענצטער א פלאַש,
און ס׳רייכערט אף גערטנער
פון היטשקע דאָס אַש, —

דעמלט שמעקט אונדזער קעלער
מיט געזײַערטן קרויט,
דער בוידעם — מיט עפּל,
די מאַמע — מיט ברויט.

1932

כ׳זאָל מערער ניט וועלן

איך ליג אין מײַן בעטל
און טראַכטן איך טראַכט:
טאָמער עס טרעפט זיך,
איך שטאַרב גאָר באַנאַכט

און מאָרגן, ווי שטענדיק,
כ׳שטיי אויף צו דער שאָ,
דערזע איך — אוי, וויי איז מיר,
אַז איך בין ניטאָ;

איך זוך זיך אין קיך,
איך שאַר אין דער שטרוי,
און פּלוצעם... איך שטעק
אינעם אײַנגעמאַכטס סלוי;

צינד איך זיך אָן,
ווי מײַן טאַטע, פון קאָס
און כ׳טו אַ צעשפּיליע
מײַן לעדערנעם פּאַס,

און כ׳לאָז אַף זיך איבער
אַ צענדליק מיט קאַרבן,
כ׳זאָל מערער ניט וועלן
גאָר טראַכטן פון שטאַרבן.

1933

ניט שוין זשע קינע?..

שטעלט אײַך פּאָר און מאָלט אײַך אויס —
א פּײַנע פּאָר קערבלעך האָט געוווּנען
מײַן טויז;

בין איך געגאן און געקויפט פאר דעם געלט
א טײַערן בוטל מיט ליכטיקער וועלט;

זײַנען באלד אפן טיש בא מיר בעכער
געשטאנען, —
א בענקל א לײַטישס פאר יעדן פאראנען,

גאָפּל און מעסער, פּעטשא אפן טעלער,
געזײַערטע אוגערקעס גלײַך פונעם קעלער,

געגדזענע גריוון, כרעמזלעך און כאלע —
דאכט זיך, איז וואָס? שוין יויצע פאר אלע...

האָט איינער געוויינט, א צווייטער געקוועלט,
דעם דריטן האָט געקערט פון מײַן
ליכטיקער וועלט,

דעם פערטן — האָבן מענטשן מיט קויעך
געהאלטן,
ער זאָל מיר, כאָלילע, דעם קאָפּ ניט
צעשפּאלטן.

1935

א טראַ־לאַ־לײַ

קיינער קלאַפּט ניט
אין מײַן טיר,
קיינער בענקט שוין ניט
נאָך מיר.
נאָר אַ שמאַטניק
מיט זײַן זעקל
האַנדלט אײַן
מײַן יאָמטעוו־רעקל.
ער באַטראַכט עס
אויף דער שײַן,
צי קען נאָך עפּעס
פֿון דעם זײַן.
טוט אַ שמייכל,
טוט אַ ווונק מיר,
ס'איז שוין, זאָגט ער,
ניט קיין סכוירע,
ס'איז שוין, זאָגט ער,
אַ טראַ־לאַ־לײַ...

אוי, בין איך אַמאָל
געווען אַ יונג אַ שיינער,
אַ יונג מיט ברייטע פּלייצעס —
אַ יונג מיט ביינער.
אויב געגעסן — איז געגעסן

פון א טיפן טעלער.
אויב געטרונקען — איז געטרונקען
פון א טיפן קעלער.
אויב געפּאַטשט — איז געפּאַטשט
ביז איינברעכן די ריפּן.
אויב א מיידעניו געקושט,
איז איינשלינגען די ליפּן.

און היינט בין איך,
און היינט בין איך
שוין אײַ־אײַ־אײַ...
און היינט בין איך,
און היינט בין איך
שוין טראַ־לאַ־לײַ.

1962

א ניגנדל

גים מיר אָן, מײַן טײַערע,
א בעכערל מיט ווײַן,
לעכאַים וועל איך טרינקען,
געזונט זאָלסטו מיר זײַן!
געהערט האָב איך דערציילן,
אז אין ווײַן אין אלטן
האָט אליין דער זיידעניו
א ניגנדל באהאלטן.

גים מיר אָן, מײַן טײַערע,
א קעלישעק מיט יאַין,
פאר אלע מײַנע ליבע
וועל איך אויסטרינקען לעכאַים.
איך האָב געהערט דערציילן —
ס'איז מיסטאם קיין ליגן, —
אז אין דער צווייטער קויסע
ליגט דעם זיידנס ניגן.

גים מיר אָן, מײַן טײַערע,
דעם סאמע בעסטן יאַין,
לאָמיר טאקע פאר דעם ניגן
אויסטרינקען לעכאַים.

קײנער זאָגן, קײנער װײסן,
דאָרטן מוז ער ליגן —
אױפֿן דנאָ פֿון דריטער קװיסע —
דער ניגון־שעבעניגן...

1965

ניט אזוי דער בול־בול־בול...

קאַלזמאַן ס׳פּלאַמט די מאַמעליגע
און ס׳זעצט פון איר אַ פּאַרע,
לאָמיר טרינקען, לאָמיר שמועסן
טאַרע־באַרע־טאַרע.
ניט אזוי דער בול־בול־בול,
דאָס פליישיקס אפן טעלער,
אַ גאָטס ראַכמאָנעס אף דער פאַס,
וואָס ליגט, נעבעך, אין קעלער.

קאַלט איז דאָרט,
נאַס איז דאָרט,
וואָס זאָל איך אײַך זאָגן,
נאָר אַ פאַס אַ דעמבענע
קאָן דאָס איבערטראָגן.

קאָלזמאַן די פאַס איז לעבעדיק —
מאַכט דעם ווײַן אַ וואַרע!
לאָמיר זינגען, לאָמיר שמועסן
טאַרע־באַרע־טאַרע.
ניט אזוי דער בול־בול־בול,
דאָס געשמאַקע עסן,
אַ גאָטס ראַכמאָנעס אף דעם ווײַן,
וואָס ליגט פאַרמאַכט אין פעסל.

קאלט איז דאָרט,
נאַס איז דאָרט,
וואָס זאָל איך אײַך זאָגן,
נאָר דער עסיק זויערער
קאָן דאָס איבערטראָגן.

זאָל זשע זײַן אונדז וויל און גוט,
ווי לאַנג דאָס הארץ איז ווארעם,
לאָמיר זינגען, לאָמיר שמועסן
טארע־בארע־טארע.
ניט אזוי דער בול־בול־בול,
דער אָפּגעקאָכטער פּריידעק,
א גאָטס ראכמאָנעס אױף דער פּאס,
וואָס שטייט שוין, נעבעך, לײדיק.

1966

ציגײַנער

עס האָבן ציגײַנערס בא אונדז אין א שענקל
בראַנפן געזשליאָקעט אין א פינצטערער נאַכט.
זיי האָבן פאַרנאַרט מיך און האָבן געבונדן
און פאַר א ציגײַנערשן גאַנעוו געמאַכט.

נאָר איינמאָל, נאָר איינמאָל, די צײַט איז געקומען,
געגליט און געברענט האָט מײַן קאָפּ קוטשעראַווע,
פאַרביטן האָב איך מײַן ציגײַנערשע קוטשמע
אַף א מעסער א שאַרפן, וואָס שטעקט אין כאַליאַווע.

געטשאַטעוועט האָב איך די שאָ, ווען באַם שײַטער
ציגײַנערטעס טאַנצן אין א שיקערער נאַכט,
און האָב מיר די שענסטע בא זיי צוגעגאַנוועט
און זי פאַר א ייִדישער טאָכטער געמאַכט.

נאָר ווער האָט געוווּנען און ווער האָט פאַרלוירן —
ווייסט נאָר דער פרײלעכער שעד אַף דער ערד!
זי בענטשט פרײַטיקצונאַכטס די ליכט,
און איך גאַנווע די פּריצישע פערד.

1936

באַם דאָקטער

אמייוון, א קענער,
א דאָקטער א גרויער
האָט אויסגעהערט נעכטן
מײַן ברוסט מיט זײַן אויער.

געקלאַפּט און געפּויקט
מיט א פינגער אין איר,
אזוי ווי מע קלאַפּט
צו א פרעמדן אין טיר.

און פּלוצעם פארכידעשט
געפרעגט מיך געהיים:
— זאָג מיר נאָר, באָכער,
דײַן הארץ איז אין דר'היים?

— אָ, אלטינקער דאָקטער,
צום גרויסן פארדראָס,
קאָן איך ניט האלטן
מײַן הארץ אף א שלאָס —

ווײַל אלץ וויל עס וויסן,
ווײַל אלץ דארף עס האָבן:
פארוואָס האָבן נעכטן
געפּאטשט זיך די ראָבן,

פאַרוואָס קאָכט מען קאווע
(וואָס שווארצער, איז בעסער!),
און קוילען דעם נעגער
מע וויל מיט א מעסער?

פאַרוואָס טרינקען מענטשן
דעם ביטערן סאַם,
ווען זעקלעך מיט צוקער
מע שלײַדערט אין יאַם?

ווי גייט עס דעם בלעטל?
ווי פילט זיך דאָס בלימל?
וואָס הערט זיך דאָרט גוטס
בא די שטערן אין הימל?

וואָס בין איך דען, דאָקטער,
א גוילעם פון ליים,
כ׳זאָל האלטן מײַן הארץ
אף א שלעסל אין דר׳היים?

1962

מע זאָגט

מע זאָגט, אַז אַ מענטש האָט אױף אײנעם
אַן אינדזל
אַ פּאַלאַץ פֿון רײנעם קרישטאָל זיך געשטעלט,
קײנער זאָל קײנמאָל ניט קאָנען אים שטערן
שפּעטן און לאַכן אָט דאָרט פֿון דער װעלט.

נאָר אױסמײַדן פֿלעגן די שיפֿן דאָס אינדזל,
כאָטש שװימען דערנעבן האָט קײנער
פֿאַרװערט,
עס פֿלעגן די יאַמלײַט ניט קאָנען פֿאַרטראָגן
דאָס קלאָגן, װאָס האָט זיך פֿון דאָרטן
געהערט.

1966

גיי איך, זע איך...

אָט אזוי, אָט אזוי,
כ׳האָב א קאפּעליוש פון שטרוי.

גיי איך, זע איך, שטייט א בויער,
און ער מויערט אונדז א מויער,

און א שלאָסער פײַלט א שלאָס,
און א גלעזער שנײַדט דאָס גלאָז,

און א בעקער באַקט דאָס ברויט, —
וועגט מײַן קאפּעליוש א לויט,

נעם איך אים שוין לײַכט אראָפּ,
און פארנייג פאר זיי מײַן קאָפּ.

אָט אזוי, אָט אזוי,
כ׳האָב א קאפּעליוש פון שטרוי.

גיי איך, זע איך, גייען גייער,
גלאט אזוי זיך, לײדיקגייער,

און עס דרייען זיך ווי דריידלעך
פוילע כעוורע, פּוסטע מיידלעך.

ווערט מײַן קאַפּעליוש מיסטאָם
שווערער פון א שטיין באָם יאַם,

ניט צו רירן אים פון אָרט —
גלייבט מיר אויף מײַן ערנוואָרט...

אָט אזוי, אָט אזוי,
כ׳האָב א קאַפּעליוש פון שטרוי.

1961

די קלוגע סוועטאָפאָרן

געטראָגן האָבן מענטשן
קוילעטשן און בייגעלעך,
און איך האָב מיר געטראָגן
א פולן בוזעם פייגעלעך.

נאָר עפּעס האָט געטראָפן,
פארפלאָנטערט כ'האָב די ראָגן,
פארגעסן כ'האָב, צו וועמען
די פייגעלעך געטראָגן.

שטיי איך א פּריטשמעליעטער,
צעדולט אינמיטנדרינען,
אָט וועלן מיך צעקוועטשן,
צעמאָלן די מאשינען.

נאָר דאָ האָבן א ווּנק געטאָן
די קלוגע סוועטאָפאָרן,
די שטאָט זאָל זיך ניט רירן,
און קיינער זאָל ניט פאָרן.

דאָס האָבן זיי אומיסטן
דעם מאבל אָפּגעשטעלט,
כ'זאָל קאָנען זיך דערמאָנען,
ווּ בין איך אף דער וועלט.

1961

די אונטערשטע שורע

כ'האָב עפּעס פאַרפּלאָנטערט —
געזינדיקט, אַ סוואָרע —
הענגט אינדערלופטן
מײַן אונטערשטע שורע...

צייל איך און קייפּל,
פאַרטיפט אין מאַכשאָוועס
און קאָן ניט געפינען
אין גראָסבוך מײַן טאָעס.

וואָס עמעס איז עמעס:
געווען אָפּט בעגילופן —
נאָר אויך דאַן איז מײַן גראָסבוך
געווען פאַר מיר אָפן.

כ'האָב געוווּסט, אַז די פאַרב,
וואָס פאַרגיסט העכער ברעמען,
איז מיר דאָ געגעבן,
כ'זאָל קאָנען זיך שעמען —

פאַר מײַן טאַטע, מײַן מאַמע,
מײַן קינד און מײַן ווײַב
און פאַר זיך, פאַר מײַן אייגענעם
העמד אפן לײַב...

פרעג איך באם גראָסבוך
און עגבער זיך העט:
צי בין איך באגאנגען
א גרעסערן כעט?

עפשער האָב איך
אין דער אײַל אף דער ערד
אזויפיל יעסורים
ניט דערזען, ניט דערהערט:

פײַן פון די ברידער,
צאר פון שוועסטער,
אזויפיל קאָרבאָנעם
מיט גלײַכגילט געלעסטערט —

און קלאל ניט געליטן,
מײַן קאָפּ ניט באשאָטן
מיט אש כיראָסימער
באם אייביקן שאָטן?..

און קאָן זײַן, כ'האָב וויניק
געכאָוועט, געהיט
— די בידנע יעפּאס־טויער
די יידישע ליד,

און אזוי, אינעם קלעם
פון טאָגטעגלעכע צוואנגען
פארלוירן דער מאמעם
— געזאנג פון געזאנגען

און בלויז נאָר געשווינדלט,
געפּעלשט מיט א מיין —
באַגאַנוועט, באַגאַזלעט,
באַרויבט זיך אַליין?..

פרעג איך מײַן גראָסבוך,
פאַרטיפט אין מאַכשאָוועס,
און ס'ווילט זיך ניט גלייבן,
אַז דאָס איז מײַן טאָעס.

1967

א צאצקע אףֿ רעסאָרן

בערעלע קערלער

געקויפֿט האָב איך פּאר בערעלען
א צאצקע אףֿ רעסאָרן,
זאָל ער כאָטשבי קלײנערהײט
אין א בריטשקע פֿאָרן,

ניאָקען־וויאָקען: מאכט א וועג!
אײַ, ווי וויל איז, אײַ, ווי גוט איז —
לאָזט זיך אויס, מע דארף דערצו
א בײַטשל מיט א קוטעם.

צייל איך אויס מײַן ביסל מעש,
צופֿוס וועט נאָך בערעלע גײן —
לאָזט זיך אויס, מע דארף צום שפּאַן
א יוכטאָווע שלײע.

טרייסל איך מײַן בײַטל אויס,
זאָל דאָס קינד זיך פֿרייען —
לאָזט זיך אויס, ניטאָ קײן פערד
אףֿ אײַנשפּאנען אין שלײער.

ניאָקע־וויאָקע, בערעלע,
אליין וועל איך זיך שפּאנען —
עפּשער וועסטו כאָטש אמאָל
צום גוטן מיך דערמאנען.

א פּאַרוויינטער, באַ מײַן קייווער,
שטיין ווען־ניט־ווען —
ניסים און מאָפסים פון רעב שיקען דערציילן.
סאַראַ פערד ער איז געווען!

1957

בא דער גרענעץ

דער ערשטער

כ'וועל אופשטיין, מײַן לאנד,
בא א פינגערהוט שײַן
און קומען דער ערשטער
דײַן זעלנער צו זײַן.

כ'וועל קומען דער ערשטער
פארטרויען דיר אלץ:
דאָס כּיעס פון לאכן,
פון טרערן — די זאלץ.

איך וועל דיר פארטרויען
מײַן מי פון די הענט,
מײַן ערד, וואָס מיט מיר
האָט אין פײַער געברענט.

דעם זאמד, וואָס ביז הײַנט נאָך
מיר קריצט אף די ציין...
איך וועל דיר פארטרויען
מײַן „יאָ" און מײַן „ניין"!

און טאָמער א סוינע,
מיט גענגעלעך קרומע,
פארנאכט צי פארטאָג
צו דײַן גרענעץ וועט קומען,

וועל איך פֿון די ערשטע
באַם שוועל דײַנעם שטיין,
די וועלט זאָל דערהערן —
„ניין!”

1939

רײַטנדיק אַף מײַן פערד

מײַן פערד איז מיד
און שטייט שוין צו,
און איך אַליין
בענק אויך נאָך רו.

די הויכע בערג
אין ווײַסן שוים,
ווי עמעץ האַלט זיי
אַף אַ צוים.

און אונטער בערג,
אין טיפֿן טאָל
אַן איינזאַם דאָרף —
אַ קנײַלכל וואָל.

עס שלאָפֿט מײַן ערד,
פֿאַרוויגט פֿון ווינט,
ווי מײַנס אַן אייגן
האַרציק קינד.

און ס'דאַכט זיך אויס,
אַף מײַנע הענט
איך גיאַנטשע מיר
מײַן שיינע וועלט.

איך קוק אין אירע
קוואלן טיף
און לייען מײַן לעבן,
ווי א בריוו.

איך לייען עס איבער
וואָרט בא וואָרט,
און טאַש עס איבער,
ווי א קאָרט.

און גיי צו כאָלעם
אום אצינד
פון שטאָט צו שטאָט,
פון קינד צו קינד.

1939

א ליבע אין וואלד

צען מעסלעס האָט מיך געהיילט
דעם וואלדהעקערס א טאָכטער;
ניסלעך וועלשענע געשיילט,
אגרעסן געקאָכט מיר.

צען מעסלעס... און ווען באם שטיין
מײַן גאָלמעסערל שארף איך —
א שפּיגל איז זי מיר אליין,
קיין אנדערן באדארף איך.

האָט זי מילך געבראכט א קריגל
און וויסן אלץ געוואָלט,
וויַאזוי כ׳האָב אָן א שפּיגל
זיך אליין געגאָלט...

1942

א בריוועלע דער מאמען

א בריוו האָב איך באקומען,
מײַן מאמע לאָזט צו הערן:
נאָך קינדער טוט מען בענקען,
ווי ס'בענקט די נאכט נאָך שטערן.

זי ברײַעט מיט א מאָשל
פון דעם, אז נאָך די פרעסט
ברענגט א שטרוי דער פויגל
צו זײַן אלטער נעסט...

ענטפער איך און בעט זי:
טראכט ניט פון דערפון —
נאָך עלטערן מיר בענקען,
ווי ס'בענקט דער טאָג נאָך זון.

נאָר פליִען, ווי א פויגל,
מיט פוכעלעך און שטרוי?..
איך דין דאָך אין פעכאָטע,
איז קאָן איך ניט אזוי.

אינגיכן וועל איך קומען
געזונטערהייט אהיים,
און ברענגען אף די שטיוול
סײַ שטרויעלעך, סײַ ליים.

1943

דער מילנער

איך זיץ מיר מיט פרײַנט
בא א קאלטער גלאָז ביר.
און פּלוצעם מײַן יוגנט
צעשפּילט זיך בא מיר.

מיר ווילט זיך א זונג טאָן,
א שפּרונג טאָן, א הייב...
זאָגן מיר מענטשן:
ביסט גרוי ווי א טויב!..

זיי ווייסן ניט קיינער,
אז באלד שוין א יאָר,
ווי איך בין א מילנער
און אין מעל מײַנע האָר...

כ׳געדענק זי, די מיל —
פארפּאָראָשעט מיט מעל —
אקעגן דאָס פעלד
פון א גיפּטיקן געל,

דעם ווינט, וואָס צעוויטערט
דעם צוויט פון דיביימער —
און מיך, בא די מילשטיינער,
מיט צענעריקטע ביינער...

„מילנער, שטיי אויף.
איך האָב קאָרן געבראַכט!..“
און אַלטיטשקע האָט מיך
דערשראָקן באַטראַכט.

ווי איך ליג אין איין בלוט
מיט דער ביקס בײַ דער זײַט...
נעמט מיך די באָבעניו
און פירט ערגעץ ווײַט,

און צוואָגט מיך, און וואַשט מיך,
און צוואָגט מיך באַנײַס...
און דאָך איז פאַרבליבן
דער קאָפּ מײַנער ווײַס.

1946

א נאָדל

ח. גרוביאַנעו

כ'האָב ניט געוווּסט
און ניט פאַרשטאַנען,
אַז מע טאָר אַמאָל א מענטשן
א נאָדל ניט דערמאַנען.

א פּאָשעטע נאָדל,
וואָס האָט אונדז באַקליידט,
כאַסענע־קליידער
מײַן מאַמען גענייט,

די נאָדל, וואָס האָט
אין א ווינטער־באַנאַכט
„א לייטערל צום הימל"
אויסגעטראַכט...

אָט זיצט ער, מײַן פרײַנט,
געזונט זאָל ער זײַן,
אױף די שפּיץ פינגער זיצט ער
בא זײַן אײוועלע שײַן

מיט זײַן אײנציק פאַרמעגן,
וואָס איז אים פאַרבליבן, —
דעם העפטעלע לידער
מיט בלוט אָנגעשריבן.

זיצט ער און ווארפט אלץ
מיט פּאכעד אַ בליק
אַף דער נאָדל, וואָס לויפט
אַהין און צוריק.

ווערט שאַרף, ווי די נאָדל,
זײַן מאָגער געזיכט,
די נאָדל, מיט וועלכער
אַ ריס איך פאַריכט,

דעם ריס אַף זײַן רעקל,
פון לינקס אַף דער ברוסט...
און איך האָב געניית
און גאָרניט געוווּסט,

אַז זײַן ליבע, זײַן איינציקע
פרייד אינעם וואָגלען,
האָבן דײַטשישע ראָצכים
פאַרמוטשעט מיט נאָדלען.

1945

מײַן כאַוועַרטע מײַע

מײַן כאַוועַרטע מײַע
איז אַלט אַ יאָר פיר,
מיר וווינען בײַשכיינעס
אַ טיר באַ אַ טיר.

אויב ס׳פעלן מיר בלעטלעך
פון ביכלעך פון נײַע,
איז ווײס איך, דאָס שפּיצל
האָט אָפּגעטאָן מײַע.

באַדאַרף זי אַ בלײַער,
גלײַך קומט זי צו מיר
און דראַקעט מיר איבער
אַ באַרג מיט פּאַפּיר.

אַמאָל מאָלט זי אַ מענטשן,
איר פּענעמל פלאַמט.
— נאָר, מײַע, פאַרוואָס גאָר
אַ מענטש מיט איין האַנט?

באַטראַכט זי מיך, מײַע,
און ענטפערט מיר אָפּ:
— איך מאָל מיר מײַן טאַטן...
אוי, מיר פאַר איר קאָפּ.

1945

ערגעץ ווײַט וואלגערט זיך...

ערגעץ ווײַט
וואלגערט זיך
א פארסמאליעט וואקזאלעכל —
אזוי ווי דעם בעקערס
צעוואלגערטער אויוון.

אף א שטיקל פארבליבענער וואנט —
הענגט א גלאָק אָן א צונג.
און בא די רעלסן שטייט
אן איינזאמער,
עלנטער שטיוול.
געלאָזט האָט אים דאָרטן
א זעלנער אף קוליעס,
וואָס האָט ניט געדארפט שוין
קיין שטיוול קיין רעכטן.

נאָר צוגן יאָגן,
און רעדער דרייען זיך...
איז א זעלנער א צווייטער
אהינצו געקומען,
דעם שטיוול אָנגעטאָן
אף זײַן פוס דעם רעכטן

און איבערגעלאָזט דאָרטן
זײַן שטיוול דעם לינקן.

. . . .

נאָר צוגן יאָגן
און רעדער דרייען זיך...

1947

זעקס לידער צו מײַן פרײַנט שארל

גוטמאָרגן!

איך וווין אין מאָסקווע,
דו — אין פּאריז,
דיך רופט מען שארל,
מיך — שיקע דריז!
לאָמיר זשע לייטערס
בא שכיינים אנטלײַען
און איינער דעם צווייטן
גוטמאָרגן זיך שרײַען!

מושקעטערן

זײַן כאוויירים ווילן מיר,
און אינדרײַען שפּילן מיר.

פּעלערינעם טראָגן מיר,
שטיוועלעך פֿאַרמאָגן מיר.

הונדערט קנעפּ צעבײַטן מיר
און קיין פֿראַנקרײַך רײַטן מיר.

דאָרט צום קאָוועל לויפֿן מיר,
גוטע שפּאַגעס קויפֿן מיר,

און אין פֿרײַנטשאַפֿט שווערן מיר —
מושקעטערן ווערן מיר.

איך ווארט אַף א קארטל

שארל, איך ווארט
אַף א קארטל פֿון דיר.
מע האלט אין איין רײדן,
אז דו ביסט א גוויר.

פֿארמאָגסט א מאיאָנטעק
מיט שיך אין פּאריז, —
יאָ, שמירסט זיי מיט שוווּאקס,
פּוצסט זיי מיט פּלים

און אנדערע טאנצן אין זיי
און שפּאצירן,
און דיך זעט מען אָפּטלעך
א באָרוועסן פֿרירן...

שרײַב זשע דעם עמעס —
לײַג ניט בעקיוון —
מע זאָגט, אז דו באָדסט זיך
אין שמאלץ און אין גריוון.

אײַלסט אַף קוראָרטן, —
ווו גלײַך פֿון די צווײַגן
עסט מען מאראנצן,
שלינגט מען די פֿײַגן —

יאָ, טאַסקעסט די פּעק
צום וואָקזאַל, ווי אין פיבער, —
נאָר אַנדערע פאָרן
און דיך לאָזט מען איבער.

געפּלאָפּלט האָט נעכטן
מיר איינער אַ ווייסער,
געזאָגט, אַז דו ווױנסט
אין האָטעל, ווי אַ קייסער,

עס שמעקט דײַן געלעגער,
ווי גראָז אין אַ סטעפּ, —
און דו נעכטיקסט, מיסטאַמע,
אָפּט אױף די טרעפּ...

אָרעוואַר

פּײַנע מענער,
שמאָלע הויזן —
ס'איז מיסטאמע
צוויי פראנצויזן...
לויף איך צו
און זאָג: „פּאַרדאָן,
עפשער קענט איר
דע־שליאמאָן?
דע־ריוואָן?
דע־גערשאָן?..״
שטייען די מענער
און קוקן מיך אָן,
אזוי ווי מע קוקט
אף עפעס א כידעש,
און זאָגן מיר: „שעם זיך!״
אף פּאָשעטן יידיש.
„שליאָמע? ראובן? גערשן?
א פראגע א שיינע!
זיי זײַנען דאָך, נארעלע,
אונדזערע שכיינים!״
זאָג איך מערסי
די פראנצויזן דערפאר,
און העפלעך מיר שיידן זיך —
אָרעוואר!

לאָמיר זיך שווערן

לאָמיר זיך שווערן, שאַרל,
טאָמער אַזוינס וועט זיך מאַכן,
אַז דיר וועט זיך וועלן וויינען,
זאָל מיר זיך ניט וועלן לאַכן.
לאָמיר זיך שווערן, שאַרל,
אַ מענטש אַף אַ מענטשן דאַרף האָפן —
אויב איינעם וועט עפּעם ווי טאָן,
זאָל דער צווייטער ניט קענען שלאָפן.

כאַלילע

די פּעטערס, וואָס שפּילן
מיט רעוואָלווערן,
שטערן דעם שטערן
געבוירן צו ווערן!

שטערן דעם פֿויגל
א ווינונג זיך קלעפּן,
דעם גרעזל זיך וואשן,
דעם שטעפּערל שטעפּן!

די פּעטערס, וואָס שפּילן
מיט רעוואָלווערן,
שטערן דעםביימל
געבוירן צו ווערן!

קאָנען דאָס ביימל
כאַלילע דערשרעקן —
און אפן אָרט פונעם ביימל
וועט שטעקן א שטעקן!

וועלן זיך סעדער
אף שלעסער פארשליסן —
ניט וועלן אונדז קענען!
ניט וועלן אונדז וויסן!

לאָמיר זשע אלע
די פּעטערס פארווערן,
אז זיי זאָלן זיך שפּילן
מיט רעוואָלווערן!

1966

פאָלקסטימלעך

מײַן פעטער פלעגט זאָגן...

מײַן פעטער, אָלעווהאשאָלעם,
פלעגט ליב האָבן זאָגן:
צו דער ביטערקײַט פון כריין,
צו דער הארבקײַט פון ציבל
קאָן מען דען האָבן, אשטייגער,
פאריבל?
אָן א ביסל כריין אפן טיש
איז דער שלינגען דען א פיש?
א ווייסעך וואָס,
א פאָלומעסעק מיט גראָז...
צי ווי זאָגט מײַן פיגע־סאָסל:
אָן א צוגעברוינטער ציבל
איז דער ראָסל דען א ראָסל?
א כאָסן אָן א זייגער!
און פרוּוו זיך
זאָג איר ניין, אשטייגער...
א צוגעברוינטע ציבל
איז טאקע מאָלע־טאם —
ניט ערגער פון א מאנדל...
כאָטש לעק דעם טעלער
און קוש דאָס ראנדל...
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —
נאָר די ביטערקײַט

פון מײַן פּאַרדראָס,
װען מע שפּײַט מיר אין פּנים
און איך װײס ניט פאַרװאָס —
װינטש איך פאַרזוכן
טאַקע נאָר מײַנע סאָנים.

1965

וואָס ס'שטעקט אינעם טאַנץ

מײַן אָרעמער פעטער,
דער גרויסער באַל־דימיען
האָט מיך צוגערופן
און געזאָגט:
— ווען דליק איך פאַרשטיי,
וואָלט א ייִנגעלע ווי דו,
וואָס שפּאַצירט שוין מיט באַרישניעס,
געדאַרפט זיך אויסלערנען טאַנצן;
וויל איך, זאָלסט פאַרשטיין
דעם סייכל פון טאַנצן,
און וואָס ס'שטעקט אינעם טאַנץ —
איז כאַפּ זשע א קוק דורכן פענצטער,
און זאָג מיר נאָר, טאַכשיט מײַנער:
וואָס זעסטו דאָרט?
— וואָס איך זע? כ'זע, ווי מענטשן גייען.
— געטראָפן ווי אין פּינטל! —
האָט זיך דער פעטער דערפרייט. —
הײַנט, ווען יעדער פון זיי וואָלט
איבער א שפּאַן
א ביסעלע אונטערגעשפּרונגען,
וואָלט מען געקאָנט שוין זאָגן,
אַז ער טאַנצט!..
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

פון דעמלט אָן —
דאָס גאַנצע לעבן מײַנס —
האַלט איך אין איין אונטערשפּרינגען
איבער אַ שפּאַן —
און קיינער הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין,
אַז איך טאַנץ...

1965

די וועלט זאָגט א ווערטל

די וועלט זאָגט א ווערטל:
א קישקע איז בלינד,
און א מענטש אַף דער עלטער
ווערט ווידער א קינד.

און א וועלט, אז זי טוט שוין
א גלײַכוואָרט א זאָג,
איז דאָס עמעס, ווי ס׳איז עמעס,
אז דער טאָג איז א טאָג.

כ׳זאָג אײַך בעסוידעס
(מיר זײַנען דאָך פרײַנט),
כ׳האָב שיר ניט צעקושט זיך
מיט א טעלעצע הײַנט.

אזוי איז מיר פּלוצעם
געפעלן געוואָרן
איר גילדענער גווידער,
איר פּליאָם בא דעם האָרן.

פונקט ווי ערשט נעכטן
האָב איך אָנגעהויבן גיין
און קיינמאָל קיין בעהיימע
אין מײַן אויג ניט געזען.

געלעבט און געלעבט
און געוואָרן שוין גרוי
און קוים נאָר דערוווּסט זיך,
אַז אַ לאָשעק עסט שטרוי,

אַז אַ פֿויגל קאָן זינגען,
אַ קוקאַווע קען קוקען,
אַ הינטעלע — האַווקען,
און אַ קאָטער — מיאַוקען.

1965

לויף צו דער מאמען

שעם זיך ניט, קינד מײַנס,
אויב ס׳האָבן דיך הײַנט
מיט הילצערנע שווערדלעך
באַזיגט דײַנע פײַנט;

אויב דו ביסט געלאָפן,
געפאַלן אין גראָז,
און גאָר ניט אומיסטן
צעבלוטיקט די נאָז, —

לויף צו דער מאמען
און כליפּע זיך אויס,
די בעסטע רעפוּע
איז א מאמעניום שוים.

בעסוידעס דיר זאָג איך:
כ׳וואָלט אליין ניט געשעמט זיך,
ווען פּלוצעם פון ערגעץ
מײַן מאמעניו נעמט זיך

און כאַפּט מיך באַם אויער
און פרעגט מיך: פאַרוואָס
באַהאַלטסטו פון מיר
דײַן צעדראַפּעטע נאָז?

און וואשט מיך ארום
בא דער קופּערנער פּאַן...
צוואנציק יאָר לעבן
וואָלט מיר צוקומען דאַן.

1937

מײַן זײדע דערצײלט

מײַן זײדע דערצײלט:
— איך פרעג בא דער פלױ:
זאָג מיר נאָר, כ'בעט דיך,
װאָס טאַנצסטו אַזױ?

האָט זי געענטפערט:
— כ'האָב זיך פאַרקילט
און האָב בא דעם בער
אין דער פעל זיך פאַרהילט.

און אַזױ װי איך ליג
און איך לײען אַ פּאַפּיר,
דערזע איך אַ יעגער,
װאָס צילט זיך אין מיר.

נאָר אָפּגעגליקט האָט מיר,
װי קײנעם ביז הער —
געמײנט האָט ער מיך
און דערשאָסן דעם בער.

1965

מעסיע נישט־געשטויגן

מ'ע זאָגט, אַז געוואָלט
האָט מעסיע נישט־געשטויגן
פּאַרבעטן אַף טשאָלנט
מעסיע נישט־געפּלויגן.

האָט ער געקויפט
פאַר גראָשעלעך צען
אַ קופּערנע פּאַן
און אַוועק צו דער סען.

נאָר דאָרט איז געלעגן
אַ בריוו פון די שלײַען —
זיי האָבן מיט טרערן
געבעטן פאַרצײַען,

וואָס טרעפן ער וועט
דעם טײַך אַף אַ שליסל,
ווײַל אַלע זיי זיצן
אַצינד בא דער שיסל

און זופּן די פיש־יויך,
סײַ קליין און סײַ גרויס,
באַם הייבט זיך ניט אָן
און באַם לאָזט זיך ניט אויס.

1965

א מאָנאָלאָג פון א באָנדער

ווען איר זאָגט מיר צו
א האלבע וועלט,
א פּאם מיט גאָלד,
א בארג מיט געלט,
כ'זאָל פּאָלגן און ווארפן
מײַן באָנדערײַ —
נעם איך ניט, כ'לעבן,
סײַוויסײַ.
שטעלט אײַך פאָר,
אז אינמיטנדרינען
ווערן די באָנדערס
אינגאנצן אנטרינען.
מע קריגט ניט קיין פעסל
פאר טויזנטער רענדלעך —
קומט אויסעט צו זײַערן
קרויט אין די פענדלעך.
אין וואָס וואָלט איר דעמאָלט
געזאלצן די פיש?
געזײַערט א סאָבליק?
געהאלטן א קויסע צום טיש?

ניין!
וויפל איר ווילט אײַך,

קאָנט איר זיך דרייען —
שווער אָן א באַנדער
דער וועלט זיך באגייען.

דאָס לעבן אליין
האָט דעם באַנדער געבענטשט,
ווײַל א מענטש אָן א קלעפּקע
איז בּיכלאל ניט קיין מענטש.

1965

א בוידעם מיט בארלעך —
א נעכטיקער טאָג

באַ הײַנטיקן טאָג
איז מײַן אייניקל אַלט,
ווי זאָגן עס מענטשן,
א יאָר מיט א שפּאַלט.

נאָר פראַגעס פאַרמאָגט ער
אַזאַ מין־אַ סטאָס —
א זאַק מיט א קלומעק
מיט נאָך עפּעס וואָס.

זאָג איך אים יענץ,
פרעגט ער מיך דאָס.
זאָג איך פאַר ווען,
פרעגט ער פאַרוואָס.

זאָג אים און זאָג אים
און נאָכאַמאָל זאָג —
א בוידעם מיט בארלעך —
א נעכטיקער טאָג!

דערצייל איך אים מײַסעס
פון טיוטקעלעך ראַבע;

אז דער איז א זיידע,
און די איז א באבע,

אז די הייסן פעטערס,
און די הייסן מומעס,
און קויף אים דערצו נאָך
א פערדל א גומענס,

דאכט זיך, שוין גוט —
גוט א מעכייַע...
האָט ער ערשט נאָכדעם
א פראגע א נייַע.

און ס׳העלפט מיר ניט, קינדער,
מייַן ערלעכע איידעס,
קיין פעטערס, קיין מומעס,
קיין באָבעס, קיין זיידעס.

1965

עפּשער יאָ און עפּשער ניין

געווען אזא כאָכעם,
צי ניט געווען,
געשען אזא מײַסע,
צי ניט געשען, —

קאָן איך אײַך ניט זאָגן,
כ'ווייס עס ניט אליין.
עפּשער — יאָ
און עפּשער ניין.

נאָר מענטשן זיך שווערן,
אז אין איינעם אן אָרט
צווישן האָצעקלאָץ
און בראָד

האָט נאָכעם דער כאָכעם
דערזען בניי־ביי,
ווי ס'ליגט אין א וועלדל
א קופּע מיט שניי.

דערבײַ פון א לעכל,
פון אונטער דעם שניי,
איז געגאנגען א פּארע
אזוי ווי פון טיי.

יאָ געווען, צי ניט געווען
אין וואַלד אַ קופּע שניי,
יאָ געגאַן, צי ניט געגאַן
אַ פּאַרע ווי פון טיי, —

קאָן איך אײַך ניט זאָגן,
כ׳ווייס עס ניט אַליין,
עפּשער — יאָ
און עפּשער ניין.

נאָר אײַנגעשפּאַרטע מענטשן
זאָגן, אַז רעב נאָכעם
האָט פאַרטרויט דעם כידעש
בערעלע דעם כאָכעם.

האָט בערעלע געזאָגט אים,
כ׳קאָן עס ניט פאַרשטיין,
אַזאַ מין גרויסן מויפעס
דאַרף מען זען אַליין.

מע דאַרף, זאָגט ער, אַרײַנקריכן
אין דער קופּע שניי
און זען, פונוואַנען נעמט זיך
אַ פּאַרע ווי פון טיי.

יאָ געקראָכן בערל, צי ניט געקראָכן בערל,
קאָן איך אײַך ניט זאָגן,
כ׳ווייס עס ניט אַליין.
עפּשער — יאָ
און עפּשער ניין.

נאָר א שטאָט מיט מענטשן
זאָגן, ווען צום ווײַב
מע האָט געבראַכט צו טראָגן
אָן א קאָפּ זײַן לײַב

און געפרעגט מע האָט זי:
באַכיימעסטע פון שטאָט!
צי קאָנסטו ניט דערמאָנען זיך,
א קאָפּ האָט ער פארמאָגט?

האָט זי שטארק פארטראַכט זיך,
פארקלערט זיך און געזאָגט:
א בערדעלע געדענק איך
האָט מײַן מאַן פארמאָגט.

באַם צימעס פלעגט עס טרייסלען זיך
און נישטערן אין טאָפּ.
צי יאָ געהאַט, צי ניט געהאַט
האָט ער אױף זיך א קאָפּ,

קאָן איך אײַך ניט זאָגן,
כ'ווייס עס ניט אליין.
עפּשער — יאָ
און עפּשער ניין!

1964

פופיק און קישקע

דאָס הינטעלע פּופּיק
האָט איינמאָל באַטאָג
צו זײַנעם א שוואָגער,
צו קישקען, געזאָגט:

— ווען אפילו דער גאנעוו
זאָל מײַלנוויַט שטיין,
עפנט מײַן מויל זיך
און האווקעט אליין.

נאָר כ'האָב עפּעס באקומען
א ביטער כאַלאַס,
ס'כוויזעקט פון מיר שוין
דאָס קעלבל אין גאַס.

כ'ווייס ניט פאַר ווען
און כ'ווייס ניט פאַרוואָס,
איך האַלט אין איין האַווקען
אף מײַן באַלעבאָס.

— נארעלע איינער,
דו קענסט ניט פארשטיין?
ווייל ער איז מיסטאמע
א גאנעוו אליין.

1964

וואָס איז בעסער

מײַן אָרעמער פֿעטער,
דער גרויסער באַל־דימיען,
האָט איינמאָל א קוק געטאָן
אױף דעם שײנעם,
אױף דעם לויטערן הימל,
גענומען דעם שירעם
אונטערן אָרעם
און ארויסגעגאַן
שפּאַצירן.
אָט אזוי איז ער געקומען
צו א גרויסן שטאָטישן פּארק
און דערזען דאָרט
א גרויסע רייף
מיט צוגעקניפּטע
גלעזערנע גאַנעקלעך.
האָט ער א קוק געטאָן
און א מאַך מיט דער האַנט —
עט!
נאָכדעם
דערזען זיך אליין
אין די קרומע שפּיגלען,
און נאָכאמאָל
א מאַך מיט דער האַנט —
פּע!

נאָר בא דער קײַלעכדיקער בויד,
וואָס הייסט קארוסעל,
האָט ער זיך פארהאלטן
אַף א מינוט פינף,
און עפּשער טאקע גאנצע פופצן,
פארקנייטשט דעם שטערן,
געשטאנען און געטראכט:
— ווען מע שפּאנט אײַן
הילצערנע פערדעלעך
אין מײַן שירעם —
וואָלט ער געוואָרן
א קארוסעל!..
ווען מע שפּאנט אויס
די הילצערנע פערדעלעך
פונעם קארוסעל —
וואָלט זי געוואָרן
א פּאָשעטער
שירעם!..

———————————

פון דעמלט אָן
האָט מײַן אָרעמער פעטער,
דער גרויסער באַל־דימיען,
פארלאָרן די רו,
און ווייסט ניט
ביז הײַנטיקן טאָג,
וואָס איז בעסער:
אויסשפּאנען
צי אײַנשפּאנען.

1965

קיצי־מיצי

ט'האָט אַן אומגליק אונדז געטראָפֿן:
אונדזער קאָטער איז אַנטלאָפֿן.
געקראָכן בין איך אַף די דעכער,
אַרײַנגעקוקט אין אַלע לעכער,
אין טיפֿע קעלערס, פּוסטע שטאַלן —
אונדזער קאָטער איז פֿאַרפֿאַלן!
און שולדיק, מיינט איר, ווער, אַשטייגער?
מײַן זיידע פּיניעס אַלטער וייגער,
ווו געלעבט האָט די פּרינצעסן, די קוקאַווע,
אַ געשלייערטע אין פֿעדערן טשיקאַווע.
אוי, ווי ליב האָט ער געהאַט זי,
אונדזער פּרינץ דער קאָטער!
טאָג און נאַכט אַנטקעגן איר געזעסן,
מיט די אויגן זי געגעסן,
זיך געדראַפּעט אַף די גלײַכע ווענט...
נאָר דערלאַנגען דיזע קוקע ניט געקענט.
ניט געגעסן, ניט געטרונקען, ניט געשלאָפֿן
און פֿון שמערצן אין דער וועלט אַרײַן אַנטלאָפֿן.
אָט באַלד וועל איך אַ קוק טאָן אינעם בריוונשטעלער —
עפּשער דאַרף איך אים ניט זוכן אינעם קעלער,

זוכן אים, דעם שווער פארליבטן, אין די
לעכער —
רופן „קיצי־מיצי" אף די דעכער...
צי האָט ער ניט, ווי אײדעלע פּרינצן קענען,
דאָס לעבן זיך אַליין געטון־טאָן נעמען?..

1965

דאָס אייזל און די בין

זעקס אזייגער אינדערפרי
נאָענט בא א וואלד
האָט א בין געזאמלט האָניק
און דערהערט א גוואלד.

— גוואלד! גוואלד! ראטעוועט!
טוט עפּעס מײַן בויך, —
האָט געגוואלדעוועט דאָס אייזל
מיטן גאנצן קוי׳ך.

פרעגט דאָס בינעלע באם אייזל:
— וואָס האָסטו געגעסן?
עפּשער דארף מען טייקעף לייגן
ווארעמע קאָמפּרעסן?

— גיי דיר, גיי, דו ליגנערטע,
גיי פונדאנען בעסער,
דו ביסט ווערט, מע זאָל דיך שינדן
מיט א שטומפּיק מעסער.

האָסט מיך דאָנערשטיק באגעגנט
אף דעם פעלד דעם ברייטן
און מיר אײַנגערעדט, אז האָניק
מאכסטו גאָר פון קווייטן.

האָב איך נעכטן אופגעגעסן
זיבן זעק מיט בלומען.
זעסטו כאַטשבי, וואָס עס האָט זיך
פון דערפון באַקומען?

האָט די בין זיך אופגעהויבן
און אוועקגעפלויגן
פרישן האָניק זאַמלען,
פרישע זאַפטן זויגן.

און באַ זיך האָט זי געטראַכט:
ניטאָ דאָ ווער ס'זאָל לאַכן,
גיי און טרעף, אַז ס'קען אַן אייזל
פרווון האָניק מאַכן.

1939

װער לעבן װאָס דרייט זיך

כ׳מיין, אַז איר װייסט שוין,
פֿאַרשטייט זיך,
אַז אַלץ אינעם לעבן —
דרייט זיך;
שמאַלץ —
באַ דער לאַטקע,
זשוטשקע —
באַ דער יאַטקע,
אַ נאָדל —
באַם קנעפּל,
אַ פּרעסער —
באַם טעפּל,
אַ שוימער —
באַ די לאָדן,
אַ נאַשער —
באַ דעם פּלאָדן,
אַ קוגל —
באַ דעם זאַטן,
דאָס היטל —
אױף מײַן טאַטן,
און נאָך, און נאָך,
און נאָך, פֿאַרשטייט זיך,
אַפֿילע מײַן קאָפּ
האָט שױן אױכעט
פֿאַרדרייט זיך.

1964

גוטע רעפּועס

האַלט איך מיר זײַן א פּראָוויזאָר,
לויף איך ניט אום ווי די לאָשעקעס,
טו איך מיר אָן א פּאָר ברילן
און הייב אָן צונויפשטעלן פּראָשעקעס.

א פּראָשעק — דעם בלאָזזאק דעם אינדיק,
ער זאָל זיך פאר קיינעם ניט גווידערן,
א פּראָשעק — די קוואָקע זאָל מערער
איינס און דאָס זעלבע ניט פּלוידערן.

דעם קעמל האָרבאטן — א ביטערס,
ער זאָל אף קיין מענטשן ניט שפּײַען.
א פּראָשעק — די ציג זאָל ניט וועלן
מײַן באָבעניום אונטעראָק קײַען.

1965

וועמען וואָס עס דאַכט זיך

עס דאַכט זיך באַם שערער
דער בלעכענער שילד,
אַז זי איז דאָס עכטע
גרויסאַרטיקע בילד.

דיברילן — אַז זיי דאַפקע
לייענען די בריוו,
דעם טשײַניק — אַז ער איז
אַ לאָקאָמאָטיוו.

דעם ווידערקאָל דאַכט זיך,
אַז ער איז די שטים,
דעם לעקעך — אַז ניסעלעך
וואַקסן אַף אים.

1965

ווער וואָס עס מאָלט

ווילנער צעמאָלן
דעם ווייץ אַף אַ שטיין.
דעם פּעפער דעם שוואַרצן
צעמאָלט מען אַליין.

קערעלעך קאַווע,
געציילט און געוווגן,
צעמאָלט מען אין קלייט
פאַר אונדזערע אויגן.

איינס נאָר פאַרשטייט
ביז הייַנט נאָך ניט קיינער:
וואָס מאָלט אַזאַ צונג,
וואָס האָט ניט קיין ביינער?

1965

ווער וואָס עס לאָזט

א ווײַניקן עפּל,
א פּליושענע פּלוים
לאָזט פאר אונדז איבער
דער פרוכטבארער בוים.

האָניק און סטעלניק
פון יעטווידן מין
לאָזט פאר אונדז איבער
די פלײַסיקע בין.

די סמאָליקע סאָסנע —
א בורשטינענע קרעל,
א כאָכעם — זײַן כאָכמע,
א קעלבל — די פעל.

1964

ווי אַזוי די קראָ איז געוואָרן שוואַרץ

אמאָל און אַמאָל איז אַ מײַסע געשען:
די קראָ איז נאָך דעמלט אַ ווײַסע געווען.

די נאַכט, ניט אַזאַ ווי מיר קענען אַצינד —
פּליסיק און שוואַרץ, ווי אַ טינטערל טינט.

פּלעגן פייגעלעך דעמלט מיט פרײלעכע פּלייטן
באַגעגענען דעם טאָג און פאַרנאַכט אים
באַגלייטן.

נאָר די קראָ האָט געקראַקעט ווי עפּעס
אַ גזאַר,
געשפּאָלטן דעם מויעך, קאַרר־קאַרר־קאַרר...

זײַנען פייגל געוואָרן אויף איר אויפגעבראַכט
און דערטרינקען געוואָלט זי אין דער
פליסיקער נאַכט.

מע זאָגט, אַלפּי־נעם איז זי ניצל געוואָרן, —
נאָר פאַרבליבן אַ שוואַרצע אויף אייביקע יאָרן.

1964

פאַרוואָס שרײַט די קוקאווקע „קוקו“

הען אוועק זײַנען פייגל און געקויפט אין
די קלייטן
טריל־לי, טרי־לי־פידעלעך און פיו־פיו־פלייטן,
שטעקעלעך און גלעקעלעך נאָך קלענערע
פון אגרעס,
דודעלעך און טעצעלעך און פײַפעלעך און
גראַגערס
און ניט איבערגעלאָזט אפילע קיין בים־
באָם אין די קראָמען, —
איז איינע א פייגל־יענטע מיט א טומל
באלד געקומען:

„נו און יאך, און יאך וואָס זאָל טון אין
די וועלדער אין די טיפע?“
האָט דער פיקהאָלץ טייקעף אויסגעפיקט
טעלעגראפיש אן אסיפע,
און אלע יוידייע־נאגן, וואָס זײַנען באָקע־
שעבעבאָקע,
האָבן געפּאסקנט: נו, מיילע, שרײַ
דערווײַל „קוקו!“...

1964

דאָס אלטע פערד

שטייט זיך דאָס אלטע פערד,
מיטן קאָפּ געבויגן,
מאָגער,
הויט און ביין,
אזש די קליבעס געשוואָלן פון עלטער.
אויסגעריבן די פעל,
ארום־און־ארום צעייטערט —
כאָטש, דאכט זיך, זומער־צייַט,
פילט עס, אז דאָס לעבן ווערט אלץ קעלטער...

ווילט זיך דעם פערד
אין א לאָנקע דערמאנען, —
א שטיקל פערדישע האנאָע אין לעבן —
פארטייַטשן...
איז אָבער א פערד — נאָר א פערד
און קאָן נאָר געדענקען
דעם פייַערדיקן ברי פון די בייַטשן...

שטייט אזוי דאָס פערד,
ווי פארזונקען אין דרימל,
און דערפילט ניט דעם באלעבאָס,
וואָס שטייט בא דער שוועל, —
און זעט ניט דעם רימער,
וואָס מעסט מיט די אויגן,
וויפל פאָר שלייעס וועט אים געבן
דער קליאטשעס אויסגעדייוועטע פעל...

1965

א וויגליד זיך אליין

שלאָף, מײַן גראָוער דורען איינער,
וויפל קאָן מען די אָדערן ציִען?
באלד וועלן קומען פון גאָג־מעגאָג
די פריילעכע לייצים צו פליִען.

זיי וועלן דיר ברענגען א נעכטיקן טאָג,
דעם דרײַצעטן קלונג פון דײַן זייגער;
זיי וועלן דיך לערנען א קאָזעקל טופען
ארום און ארום דעם געלעגער.

שלאָף זשע, גראָוער דורען איינער,
ס'וואַרט שוין די בריטשקע אף רעסאָרן.
וועסטו שוין כאַפּן דאָס עמעסע טענצל
און פארזעצן באם שענקער דעם אָרן.

1968

דאָס קנײַלעכל וואָל

יאנקעוו שטערנבערגן

א

דאָרט, ווו עס לעבן זיך שטיל און צופרידן
די גוטע, די ווארעמע, וואָלענע ייִדן,
וואָס ליגנדיק עסן און זיצנדיק שלאָפן, —
איז איינמאָל א וואָלענע מײַסע פארלאָפן:
געגאנגען א זקיינע איז זקייניש געבויגן.
און נא דיר — א קנײַלעכל וואָל פאר די אויגן.

עס ליגט אינעם גראָז,
ווי א ניסל די גרויס,
קוים־קוים וואָס מע זעט עס
פון דאָרטן ארויס.
א קנײַלעכל קנופּן,
א מאָגערס, א פּיצל,
ווי אָפּגעטאָן וואָלט מען
דער אלטער א שפּיצל —
דאָס אונטערגעוואָרפן
א לעץ האָט א שלעכטער,
אזוי, צוליב מאַכן
פון איר א געלעכטער.

טראכט זיך די זקיינע: מ'שטיינסגעזאָגט, גליקן,
קיין פּיאַטע אפילע ניט אונטערצושטריקן,
א קנופּ אף א קנופּ. וואָס זשע דאַרף איך
עס האָבן?
כ'וועל בעסער אהיים גיין די פּלאָטעצע שאָבן,
דאָס קנײַלעכל וועל איך אָט דאָ טאַקע לאָזן,
און זאָל עס זיך ליגן, ווי ס'ליגט אין די גראָזן.

נאָר פּלוצעם דערהערט זי
א ציטעריק קאָל.
— באָבעציע, — זאָגט איר
דאָס קנײַלעכל וואָל, —
באָבעציע־לעבן,
דו שטריק פון מיר אויס
א שעפּסל א קלײנינקס —
א פינגער די גרויס,
וועל איך דערנאָכדעם
דיר, באָבעציע, שענקען
א קאַסטן מיט וואָלנס
פון הערן־געדענקען.

— אוי, ווײ ז'מיר, — געזאָגט האָט די
אַלטע דערשראָקן, —
גענוג פאַר מיר, כ'לעבן, א נײַע פּאָר זאָקן,
דערצו ווען איך קאָן אף א טשיפּעק
כאַטש האָפּן,
גײ איך און שווער, אז א נעם האָט געטראָפּן.
וואָס דאַרפסטו, מײַן קינד, פון א באָבעציע
לאַכן,

ווי קומט צו דיר, זאָג מיר, גאָר וואָלענע
זאכן?

א קלייניקייט עפּעס
א קאסטן מיט וואָלנס,
נאָר קום וועל איך נעמען
א שפּיזל א שטאָלנס,
פארמאכן די לאָדן,
פארשליסן די טיר
און נעמען א שעפּסעלע
שטריקן פון דיר.
און ביז ס'וועט זיך ווייַזן
א פינגערהוט שייַן,
וועסטו, מירצעשעם,
שוין אויסגעשטריקט זייַן.

ב

נאכט איז אין דרויסן, קיין הוסט ניט צו הערן.
עס טויוולען זיך שטיל אינעם טייַכל די שטערן,
עס טוליען זיך גרעזעלעך איינס צו דעם
צווייטן,
עס שווייַגן די הינט אף די אייַזערנע קייטן.
און אָט־אָ דערהערט מען דאָס הענעלע קרייען,
און אָט־אָ דערזעט מען א מענטשן שוין גייען.

דאָס שפּיזל דער באָבעס
שוין ליגט בא דער זייַט,
די ארבעט געענדיקט

איז פונקט צו דער צײַט.
דער גלאָק אפֿן טורעם
געקלונגען האָט פֿיר,
די אלטיטשקע עפֿנט
די לאָדן, די טיר.
גאָלד — דער באַגינען,
זוניק און זיס, —
דאָס שעפּסעלע שטייט שוין
אויף אַלע פֿיר פֿיס.

עס בעקעט און מעקעט און שרײַט: — אַ גוטמאָרגן;
אַצינד ווײַסטו, באָבע, ניט דאַרפֿן זיך זאָרגן,
ווײַסט גלײַך פֿון מײַן פּעלכל אַ פּעדעמל — ציִען —
און אויב דו ווײַסט, באָבע, ניט פֿוילן זיך מיִען,
שטריקן און שטריקן, דאָס שפּיזל ניט וואַרפֿן,
ווײַסטו דיר אויסשטריקן, וואָס דו ווײַסט דאַרפֿן:

אַ וואָלענעם טשיפּעק,
אַ מאַלבעש מיט שליאַרעס,
אַ ווילע פּאָר מאַטקעס,
אַ לײַבל אַ וואַרעמס,
אַ שיינע פּאָר שטעקשיך,
באַנייטע מיט קווייטן,
מע זאָל דיך אין מאַרק
מיט די אויגן באַגלייטן.

קאמאשן און זאָקן,
א ווינטערדיק קלייד
אן אייבערשטס, אן אונטערשטס,
און טראָג געזונטערהייט.

ג

אוועק איז פון דעמלט ווער ווייסט וויפל וואָכן,
די אַלטע האָט אופגעהערט וואשן און קאָכן,
זי ווייסט ניט פון שלאָפן, זי ווייסט ניט
פון עסן,
ווי עפּעס א דיבעק אין איר וואָלט געזעסן.
זי האָט שוין א קאסטן, א בארג מיט אנטיקן,
זי וויל שוין ניט שטריקן און האלט אין
איין שטריקן.

אן אייגל ארויף
און אן אייגל אראָפּ —
זי האָט שוין א ראנדל,
א וואָלענעם טאָפּ,
זי האָט שוין א טשײַניק,
א וואָלענעם בעקן.
וויל נאָך די אלטע
א וואָלענעם שטעקן.
זי האָט שוין א שטוב,
ווי ס'ווײַזט זיך ארויס, —
וויל זי א קאץ
און א וואָלענע מויז.

ס'פאַרמאָגט שוין די אַלטע פֿון הערן־געדענקען,
מע קאָן אין איר וואָלגס זיך פּאַשעט
דערטרענקען.
זי ווייסט שוין ניט, ווו דאָס פאַרמעגן באַהאַלטן,
און דאַרף ניט און וויל ניט דאָס שעפּסעלע
האַלטן.
זי דאַרף עס ניט מערער, און נאָך אַלע זאַכן —
זי מעג זיך פאַרגינען אַ וועטשערע מאַכן.

וועל איך מיר, טראַכט זי,
דאָס שעפּסעלע בינדן
און רופן דעם פּימפּלער,
ער זאָל עס מיר שינדן.
וועל איך שוין מאַכן
געבראָטנס אַ בעקן,
עס זאָלן זיך אַלע
די פינגער באַלעקן.
דער פידלער וועט פידלען,
דאָס צירונג וועט גלאַנצן,
און איך מיט די געסט
ווער אַ וואָלעכל טאַנצן.

נאָר דאָס, וואָס די אַלטע פלעגט טראַכטן
און קלערן,
פלעגט טייקעף דער וואָלענער טשיפּעק
דערהערן.
כאָטש טשיפּעקעס דאַרפן זיך עפּשער ניט
מישן,
פונדעסטוועגן איינגערוימט האָט ער דעם
קישן:

— דו ווייסט, וואָס די אַלטע האָט
צוגעטראַכט נעכטן?
זי וויל אונדזער בידנענקע שעפּסעלע שעכטן

און מאַכן אַ פּליישיקס
מיט ראָסל באַנגאָסן,
און פּראַוועוען אַ יאָמטעוו —
אַ סימכע־ווּעסאָסן.
געכאַפּט האָט דער קישן
די קאָלדרע וועקן,
די וואָלענע קאָלדרע —
דעם וואָלענעם שטעקן.
דער שטעקן — דאָס קעצל,
דאָס קעצל — די מויז:
לויף צו דעם שעפּסל,
דערצייל אים אַלץ אויס!

ד

פינצטער אין דרויסן, מע זעט ניט קיין שטערן,
אַ גליק, וואָס דאָס מײַזל פאַרמאָגט אַ לאַמטערן.
לויפט עס פאַרסאָפּעט צום פאַרקן, און דאָרטן
געפינט עס אַ לאַך צו דעם וואָלענעם גאָרטן,
ווּ אונטער אַביימל מיט וואָלענע פלוימען
טוט אין אַ בײַדל דאָס שעפּסעלע ווּינען.

אַ גראַבל די טיר
האָט דאָס מײַזל געגעבן:
— אוי, ראַטעווע, שעפּסל,

באצײַטנס דײַן לעבן!
דו ווייסט, וואָס די אלטע
האָט צוגעטראַכט נעכטן?
זי וויל דיך פאַרנאַרן,
דיך בינדן און שעכטן... —
און פּונקט, ווי באַם ליכטל,
וואָס ברענט אין לאַמטערן,
קאַפּען און טריפן
באַם מײַזל די טרערן...
נאָר לאָמיר דעם מײַזעלע וויינען ניט שטערן,
און באַלד ווי דער הימל וועט ליכטיקער ווערן,
וועלן מיר ווײַטער דאָס מײַסעלע האָרכן,
ווי ס'גרייט שוין די אלטע דעם אויוון
צום קאָכן,
גרייט זיך די טרוקענע שפּענער צעצינדן
און גיין מיט אַ שטריקל דאָס שעפּסעלע
בינדן...

ריידן עס רעדט זיך,
נאָר ס'טוט זיך ניט גיך —
דאָס שעפּסעלע פרעגט זי:
— וואָס טראָגסטו מיט זיך?

ענטפערט די אלטע:
— נאַרעניו־נאַרעלע,
איך גיי פונעם מאַרק,
און איך טראָג דיר אַ באַרעלע.

איך טראָג דיר א קניש,
און א קיכל א ווייצנס. —
נאָר דאָס שעפּסל געכאַפּט האָט
די פּיס אַף די פּלייצעס.
פון בערגל צו בערגל געיאָגט און געפלויגן,
און מיט זיך דעם וואָלענעם פּאָדעם געצויגן.
— גוואלד! — שרייַט די אלטע. — ווי
קאָנט איר דערלאָזן,
דאָס שעפּסעלע זאָל מיר מייַן וואָלנס צעלאָזן?
אָט באלד וועט מייַן שטוב און מייַן
גאָרטן ניט ווערן —
פארגעסן דעם פּאָדעם כ׳האָב איבערצושערן!
דאָס שעפּסעלע פליט,
די אלטע שרייַט: — שטיי!
דער קאסטן מיט וואָלנס
צעגייט זיך, ווי שניי.
דאָס שעפּסעלע יאָגט,
די אלטע שרייַט: — גוואלד!
אָט וועל איך אליין שוין
צעלאָזט ווערן באלד...
און טאקע אזוי
איז אפּדערעמעסן געשען —

די אלטע געשטריקט
איז פון וואָלנס געוועןן...

הייַנט שטעלט אייַך פאָר, ווי איך בין צופרידן,
וואָס די גוטע, די ווארעמע, וואָלענע יידן

האָבן צו פּורים אַף א טאַץ מיר געשיקט
די דאָזיקע מײַסע פון וואָלנס געשטריקט.
און איך האָב געקויפט פאַר געלטעלעך זיבן
א בויגן פּאַפּיר און פאַר אײַך זי פאַרשריבן.

1967

פ׳ה
נקבר

שטיקעלעך גלאָז

װען א מענטש דערזעט
אף א בערגעלע אש
פון נאפט צי פון בוימל
א צעבראָכענע פלאש,
וואָס זשע זעט ער, וואָס
אין די שטיקעלעך גלאָז?
דאָרט זעט ער זײַן מאמע
באם פענצטערל שטיין,
דאָס גלעזל פון לעמפל
שוין אויסגעווישט ריין —
„אָט־אָט וועט א שטערנדל
קומען צו גיין...״
איז הייבט ער זיך אוף
פונעם בערגעלע אש,
אין איין האנט א זעקסער,
אין דער צווייטער א פלאש
און לאָזט זיך שוין, דאכט זיך,
א באָרוועסער לויפן
א פלעשל מיט נאפט
פאר דער מאמע צו קויפן...

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

זײַנען די סטעזשקעס,
די וועגן פארוואקסן...

מע הערט ניט קיין וויאָקען,
קיין סקריפּען פון אָקסן.

ניטאָ שוין דאָס פענצטער,
אוועק מיט די פלאַמען —
ניטאָ וועמען זאָגן:
„א גוטע וואָך, מאַמע!"

ניטאָ וועמען פרעגן:
פאַר וועמען און פאַרוואָס
געבליבן ניט מערער
ווי שטיקעלעך גלאָז!

1944

דעם פֿידעלס נעשאָמע

כ'האָב געהאַט אַ פֿידעלע,
הענגט עס אױף דער װאַנט,
װאָלט איך אױפֿגעשפּילט אַ װיװאַטל,
ציטערט מיר די האַנט.
װאָלט איך עס אװעקגעשאָנקען
(אױ, פֿון גרױס ראַכמאָנעס!),
האָט מען אָפּגעריסן
אײנציקװײַז די סטרונעס.

קלאַפּ איך צו אַ מײַסטער,
בעט אים אַ נעכאָמע:
עפּשער קאָנסטו ראַטעװען
דעם פֿידעלס נעשאָמע?

ס'האָט די ערשטע פֿון די סטרונעס
געהאַט מײַן מאַמעס קאָל,
די צװײטע פֿון די סטרונעס —
אַ קװעלעכל אין טאָל.
די דריטע — װי אַ פּיצל קינד,
װאָס בעט זיך אױף די הענט,
האָט װײנען און לאַכן
אײנצײַטיק געקענט.

קלאַפּ איך צו אַ מײַסטער,
בעט אים אַ נעכאָמע:

עפשער קאָנסטו ראטעווען
דעם פידעלעס נעשאָמע?

דער מאמעס קאָל שוין ניט צו הערן —
אנטוויינט מיך און אנטרונען,
דאָס קוועלעכל — אן אויג אין קאָפּ,
געטרערט און אויסגערונען.
דאָס פּיצל קינד איז גרוי געוואָרן
אין יענער ווינטער נאכט,
און עפּעס האָט מיט דעם געטראָפן,
וואָס ניט עס וויינט און ניט עס לאכט.

קלאפּ איך צו א מײַסטער,
בעט אים א נעכאָמע:
עפשער קאָנסטו ראטעווען
דעם פידעלעס נעשאָמע?

די פערטע סטרונע האָט דערצויגן —
א פארצארטע, מידע...
וואָלט איך זי געצערטלט איצטער
מיט מײַן מאמעס לידער,
געקוויקט זי מיטן קוועלעכל,
וואָס זוניקט אינעם טאָל
און אומגעקערט דעם פּיצל קינד
דאָס לאכן פון אמאָל...

קלאפּ איך צו א מײַסטער,
בעט אים א נעכאָמע:
עפשער קאָנסטו ראטעווען
דעם פידעלעס נעשאָמע?

1944

יודע-לייב

— אוי, וואָס קלינגט דאָרט, ווי א גלאָק,
ברידער מײַנע, ברידער?
— קאָווען, קאָוועט זיך א שווערד
יודע-לייב דער שמידער!
— אוי, וואָס דאַרף א מענטש, ווי ער,
א שאַרפע שווערד פאַרמאָגן?
— שטעלן וועט זיך יודע-לייב
מיט זײַן טאַליען שלאָגן!
— כ'האָב דאָך געהערט, אז ניט פאַראַן
פון יודע-לייב קיין אייוועד?
— צוליב דעם איז טאַקע אופגעשטאַנען
יודע-לייב פון קייווער!

1944

דרײַ ביימער

עס זײַנען געוואקסן אין שטעטל
דרײַ ביימער, ניט ווײַט בא דער בריק —
דאָס איינציקע ביסעלע כּעס,
דאָס איינציקע שטיקעלע גליק.

דאָרט האָבן זיך מיידלעך געסוידעט
און קינדער געפירט זייער שפּיל,
און ליב געהאט האָבן די זקיינים
דאָרט רוען אמאָל אין דער קיל.

דער זייגער אין שטוב האָט געדויפּעקט,
די מאָגערע ווײַזערס געדרייט,
דער בלעכער פאַרדינט נאָר אף ציבל,
דער סטאָליער — שוין קוים וואָס ער גייט.

(וואָלט ער א ברעטל פאַרמאָגן,
מאכט ער א טיש אָן אנטיק,
נאָר קיינמאָל אין זינען געקומען
פאַרשנײַדן א בוים בא דער בריק).

די פליג האָט אין פענצטער געזשומעט,
די וועלט האָט געפּראַוועט זיך אירס,
דער קירזשנער פאַרדינט נאָר אף קנאָבל,
דער באָנדער — כאָטש צי אוים די פּיס.

(וואָלט ער געפונען א קליעפּקע,
מאכט ער א דייזשע — א טרוים,

נאָר קיינמאָל אין זינען געקומען
פאַרקירצן די יאָר פון א בוים).

די ציג האָט צוביסלעך געמעלקט זיך,
געקוויקט זיך מיט קליינעם א לויט,
דער שנײַדער פאַרמאָגט נאָך א ווישקראָב,
דער שוסטער — קיין סימען פון ברויט.

(וואָלט ער א רובטשיקל לייגן,
באָרגט מען קיין פלעקל אין מאַרק,
נאָר קיינמאָל אפילע אין כאָלעם
ער האָט ניט געטראַכט פון קיין האַק).

נאָר אָט איז דער טאַליען געקומען,
א פעטליע געמאַכט פון א שטריק,
און אָפּגעהאַקט האָט ער די ביימער,
א טליִע געשטעלט בא דער בריק.

דער ערשטער געגאַן איז דער סטאָליער,
באַרוט, מיט א זויבערן בליק,
ווי גלײַך א שטיק לויטערער הימל
געגאַן צו דער טליִע, צום שטריק.

דער צווייטער איז הענגען געבליבן
דער באַנדער אין פינצטערן רוים,
מע זאָגט, אז ער האָט זיך געזעגנט —
צעקושט מיט דער קאָרע פון בוים.

דער דריטער געוועזן איז דער שוסטער.
מע זאָגט: ווען געהאַנגען ער איז,
האָט באַלד אױף א שטאַם פון דער טליִע
צעבליט זיך א צווײַגל א גרינס.

1943

האָצמאַך איז א בלינדער

האָצמאַך איז א בלינדער...
ווּ זשע זײַט איר, קינדער?!

כ'טיטשע מיטן שטעקן
אין אײַלעניש, אין שרעקן...

כ'פּרעג בא די ארומען:
וואָס מוטשעט אונדז דער האָמען?!

הער איך, ייִדן קרעכצן,
הער איך, ייִדן לעכצן,

הער איך, קינדער וויינען...
מיר פאר אײַערע ביינער!

כ'בין גרייט פאר זייער לעבן
די נעשאָמע אָפּצוגעבן.

זאָלן זיי, געזונטערהייט,
שפּילן זיך אין בלינדזשערקייט.

נאָר ווער זשע וועט זיי ראטעווען?
האָב ראכמאָנעס, טאטעניו!

האָצמאַך איז א בלינדער...
ווי זשע זײַט איר, קינדער?!
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
ניטאָ דער האָצמאַך בלינדער —
ניטאָ שוין יענע קינדער.

1946

צווישן סטרוזשקעס

און אז אווראָם־הירש דער סטאָליער
האָט דערפילט, אז ער האַלט שוין באַם סאָף,
האָט ער זיך אויסגעצויגן, ווי אַ ווײַסע
אָפּגעהובלטע ברעט,
אַף דעם ווארשטאַט אַף זײַנעם, צווישן
די סטרוזשקעס —
אַ ברעט פון אַ ריזיקן בוים, וואָס איז
אַליין דערבײַ געווען,
ווען אין וואַלד איז געקומען די אײַזערנע האַק
בעטן בא דיביימער אַ שטיל פאַר זיך.
דער וואַלד איז פארשטומט געוואָרן —
און קיינער האָט קיין שטיל פאַר דער
האַק ניט געגעבן.
לאַנג האָט זיך די האַק ארום ביימער געדרייט,
ביזוואַנען אַ בוים, אַן אײַנגעהאָרבעטער,
מיט צווײַגן, ווי שלאַנגען איבערגעקניפּטע,
האָט, פאַר פּאַכעד, דער אײַזערנער האַק
געגעבן אַ שטיל...
און דאָ האָט די האַק זיך גענומען שוין
האַקן —
אַ וואַלד מיט ביימער!..

ליגט אַזוי אווראָם־הירש דער סטאָליער,
ווי אַן אָפּקעהובלטע ווײַסע ברעט,

אפן פראָסט, אף דער קעלט,
אין סטאָליארניע, וואָס האָט שוין קיין
דאך און קיין ווענט...
מיט פארגליווערטע צוויי סוקן —
געוועזענע אויגן פון א בלייַיקן בוים...
שטייען באַנים פארקווילטע —
געוועזענע יונגע צוויי ביימער, —
ווי שווארצע צוויי ליכט
צוקאָפּנס באם סטאָליער.
וואָלט געווען ווארעם, וואָלטן עפשער צוקאָפּנס
בורשטינענע טרערן, ווי כיילעוו, געקאפּעט
אראָפּ פון פארגליווערטע לייַכטער.

1944

אױ, װי עס שרײַען די מעװעס!

אױ, װי עס שרײַען די מעװעס!
אױ, װי עס קװיטשען די מעװעס!
אװו־ו־ו!?
װוּ איז אונדזער יאם?!

נעכטן ערשט
האָבן כװאַליעס איבער כװאַליעס
געטאַנצט —
אין „רײצעלעך״ געשפּילט זיך
די יאמישע קינדער...
נעכטן ערשט
האָט דער יאם זיך געבאָרעט
אױף טױט
מיט פעלדזיקע ברעגן, װאָס
צװימען...

און הײַנט —
א לײדיקער געלעגער
מיט פאַרטריקנטע, מאָכיקע
גליבעס...
נישטאָ שױן דער יאם!
פאַרשװוּנדן דער יאם!

אױ, װי עס שרײַען און קװיטשען די מעװעס!
אװו־ו־ו!?

ווּ זײַנען אונדזערע אויצרעס?
די אויסגעקאָוועטע קופּערנע פיש
וואַלגערן זיך הײַנט אַפן דנאָ
פֿאַרשימלט, מיט פאַרגליווערטע
מײַלער...
ווּ זײַנען די פּערל פון אונדזערע
מאַמעס,
די קרעלן פון אונדזערע קאַלעס,
די שטערן, וואָס האָבן געלעבט
אין די טהאָמען?!
אווו־ו־ו!?
ווּ איז אונדזער יאַם?!

דאָס האָב איך אים, אַפּאָנעם, איבערגענאָסן,
דעם יאַם, דעם גרויסן,
אין די אויגן מײַנע —
מיט אַלע זײַנע אָפּגעשטאָרבענע פּערל,
זײַנע צעריסענע בײַטשלעך מיט
קרעלן
און קוישן פאַרלאָשענע שטערן...
און גיי אַרום אַצינדער איבער דער וועלט
מיט אַ יאַם — געזאַלצענע טרערן,
און דער צאַר שטורעמט און ווייטעקט
אין מײַנע שוואַרצאַפּלען!

אווו־ו־ו איז אונדזער יאַם?

1943

לופטבאלאָנען

קויפט א ייִד א לופטבאלאָן —
גרין גראָז דאָס פוכירל,
דאכט זיך אים, א טאָלעכל
וויגט זיך אַף א שנירל.

ברענגט ער עס, דאָס טאָלעכל,
צום באבי־יאר צו פירן,
שענקט עס דאָרט זײַן אייניקל
און קויפט א נײַ פוכירל.

אָט אזוי־אָ פירט דער זיידע
דעם אייניק א מאטאָנע,
אמאָל א וואלד, אמאָל א פעלד,
די זון מיט דער לעוואָנע.

1945

באבי־יאר

וואָלט איך אופגעהאנגען דאָס וויגל אף א באלקן,
געהוידעט און געהוידעט מײַן ייִנגעלע מײַן יאנקל,
איז די שטוב אנטרונען מיטן פלאם און פײַער,
ווּ זשע זאָל איך הוידען מײַן ייִנגעלע מײַן טײַערס?

מיט דערנער און מיט קראָפּעווע
פארוואקסן זײַנען סטעזשקעס,
פון שטילע, ווײַסע טויבן —
געוואָרן האָלעוועשקעס...

וואָלט איך אופגעהאנגען דאָס וויגל אף א ביימל,
געהוידעט און געהוידעט מײַן ייִנגעלע מײַן שליימל —
איז מיר ניט געבליבן קיין פאָדעם פון קיין ציך,
איז מיר ניט געבליבן קיין בענדל פון קיין שיך.

קיין צווײַגל ניט, קיין בלעטל...
פון דעם דעמב דעם הוילן.

געבליבן איז א בערגעלע
טליִענדיקע קוילן...

וואָלט איך אָפּגעשווירן די צעפּ מײַנע די לאנגע
און אויף זיי דאָס וויגעלע, דאָס וויגל אופגעהאנגען,
ווייס איך ניט, ווו זײַנען זיי,
די ביינדעלעך, אצינדער,
די ביינדעלעך די טײַערע פון בײדע מײַנע קינדער.
העלפט מיר, מאמעס, העלפט מיר
אויסקלאָגן מײַן ניגון!
העלפט מיר, מאמעס, העלפט מיר
דעם באבי־יאר פארוויגן!

1954 — 1953

א כאָלעם

דער טאָג איז געווען פּיאָלעט.
דער הימל ווי ליסקעס פון א פיש.
אין דעם אָרן פון שטילקייט,
אף אקסל פון לייצים
איז צו יענער־וועלט געשווומען
דער קיניג ליר.
עס האָבן ניט געכליפּעט קיין פליטן,
עס האָט ניט געזשומזשעט דאָס מעש,
נאָר אין די גלעקעלעך פארבאָרגן,
אין מיצן אף די קעפּ פון פאיאצן
האָבן טרערן געקלימפּערט:
דין־דין...
דין־דין...
ארום האָט שעמערירט
א וועלט מיט פאיאצן;
די אויגן פארגאנגען אין ווייטעק,
די ליפּן צעצויגן איבער דעם גאנצן פּאָנעם
מיט אן אָנגעמאָלטן,
פארגליווערטן געלעכטער.
נאָר אין די גלעקעלעך פארבאָרגן,
אין מיצן אף די קעפּ פון פאיאצן
האָבן טרערן געקלימפּערט:
דין־דין...
דין־דין...

און דער קיניג ליר איז געשוווּמען,
א באפרייַטער שוין פונעם לעבן,
אף אקסל פון לייצים־נאָסים,
וואָס טרעטן אף שפּיץ פון די פינגער
און טאַפּן די ערד אונטער זיך...
עס האָבן ניט געבליפּעט קיין פלייטן,
עס האָט ניט געזשומזשעט דאָס מעש, —
נאָר אף איינעם א מאָכיקן דעכל,
צו וועלכן ס'האָט זיך אדורכגעריסן
א זוניקער שטראַל,
איז אזוי ווי מיט רויך פונעם קוימען
אויסגעוואקסן א ליכטיקער זאָקן,
מיט גראָווע, צעשויבערטע פּאטלעס,
וואָס האָט אף א קינדעריש פידעלע
נאָכגעשפּילט א כאָלעם:
דין־דין.
דין־דין.

1944

דאָס וויגעלע

וויגט זיך דאָס וויגעלע
הין און צוריק,
ניטאָ אינעם וויגל
דער מאמעניוס גליק,
ניטאָ אינעם וויגל
דער מאמעניוס פריוד, —
וויגט זיך דאָס וויגעלע
ליידיקערהייט.
און ציגעניו־מיגעניו,
ציגעניו־גרוי,
האלט אינעם מויל
א פארבלוטיקטע שטרוי.

1942

פון יענער זײַט כאָלעם

איך בעט בא דעם שיפּער:
כאָטש כ׳קען דיר ניט צאָלן,
שיף מיך אריבער
אף יענער זײַט כאָלעם!

פון דעם, וואָס כ׳וועל דאָרטן
דערזען און דערהערן,
וועל איך שוין גרויער
מיסטאמע ניט ווערן.

איך וועל דאָרטן קלײַבן
בא שאָטנס פון מענטשן
די אָפּשניצלעך כיילעוו
פון ליכט ניט דערבענטשטע,

און אויסקנעטן וועל איך
א ליכט — ווי א סאָסנע...
איך, שיִע בען שיִע,
פון שטעטעלע קראָסנע,

וועל טראָגן די סאָסנע, איך
מיט מײַנע שלאפע פיס,
צום אייפעלער לײַכטער
אזש קיין פאריז,

און אָנצינדן ס'ליכט
ווי א הייליקן יִזקער
פאר װאַרשעווער, ווילנער,
קיִעווער און מינסקער...

זאָל טריפן פון דאָרטן,
פון הייך, פונעם טורעם,
דאָס ליכט, וואָס איך טראָג
אזש פון יענער זײַט כּאָלעם.

1958

דער זיידע

— אַלטער זיידע, גראָוער ליַין,
וואָס ציט עס דיך אין וואַלד אַריַין?

טיפֿע טײַכן שטראָמיק פֿליסן,
אַלע בריקן — אופֿגעריסן,

אַלע שיפֿער — אומגעבראַכט
און עס ענגט אַ שווערע נאַכט!..

שטעלט דער זיידע זיך שוין אָפּ,
הייבט דער זיידע אויף דעם קאָפּ:

— נאַריש ייִנגל, גרינער זוים,
צוויי מאָל האַקט מען ניט קיין בוים!..

1959

א הויכער בוים, א שיינער בוים,
א שטארקער בוים!

ל. לעווינען

כאָטש מע האָט א האלבע וועלט
מיט מײַן בלוט פארגאָסן,
הונדערט מאָל געהארגעט מיך
און טויזנט מאָל געשאָסן —
דאָך האָט ניט גענומען מיך
קיין פײַער און קיין שווערד
און אָט־אָ, ווי איר זעט מיך,
וואקס איך אף דער ערד —
א הויכער בוים,
א שיינער בוים,
א שטארקער בוים!

כאָטש מע האָט צעהאקט בא מיר
אף שפּענדעלעך די צווײַגן,
פארברענט זיי אפן ווינט, עס זאָל
קיין זשמעניע אש ניט בלײַבן, —
צוויטשערן מיר הײַנט פייגעלעך
„גוטמאָרגן" אינדערפרי...
און אָט־אָ, ווי איר זעט מיך,
לעב איך און איך בלי —
א הויכער בוים,
א שיינער בוים,
א שטארקער בוים!

כאָטש מע האָט ניט איין מאָל שוין
די הויט פון מיר געשונדן,
דעם מארך פון מיר אויסגעזויגן,
געלאָזט אין הוילע ווונדן, —
נאָר אויסקאָרטשען די וואָרצלען מיר
האָט קיינער ניט געקענט.
און אָט־אָ, ווי איר זעט מיך,
לעב איך אף דער וועלט —
א הויכער בוים,
א שיינער בוים,
א שטארקער בוים!

1955

ווען איך זאָל זײַן דער גאָר־גאָר־גאָר...

ווען איך זאָל זײַן דער גאָר־גאָר־גאָר,
דאָס אייבערשטע פֿון שטייסל,
וואָס וואָלט איך, אוי, וואָס וואָלט איך
באַפֿוילן און געהייסן?..

באַפֿוילן וואָלט איך גאָר אזוי:
עס זאָלן ניט סקריפּען קיין טירן,
מע זאָל זיי דרײַ מאָל א מעסלעס
מיט איילבערט־בוימל שמירן.

שוסטער זאָלן טאָג און נאכט
ווייכע שטעקשיך נייען,
מע זאָל קיין מינדסטן שאָרך ניט הערן,
ווען מענטשן ערגעץ גייען.

געכאסמעט וואָלט איך א פּאַפּיר
און געגעבן צו וויסן פֿון דעם,
אז אופֿוועקן א פּיצעלע קינד
איז נאָך ערגער פֿון כילעל־האשעם.

זעט נאָר, זעט, ווי בערעלע
שמייכלט פֿונעם כאָלעם —
ס'איז א ווײַס־קלאָר ציגעלע
פֿון וויגנלאנד געקומען...
וואקסן ארום בערעלען
באָקסערלעך און פֿײַגן,

און א געקרוינטע פּאווע
וויגט זיך אױף די צווײַגן...

ווען איך זאָל זײַן דער גאָר־גאָר־גאָר,
דאָס אייבערשטע פון שטייסל,
וואָס וואָלט איך, אוי, וואָס וואָלט איך
באַפוילן און געהייסן?..

באַפוילן וואָלט איך גאָר אזוי —
מע זאָל זיך קיין רעגע ניט זאַמען,
ניט זשאַלעוועו קיין בארג מיט האָלץ
און אופזידן דרײַ יאַמען,

און אויסבאָדן, און אויספּארען
די וועלט מיט אירע ביינער,
און אָפּשערן די ברודיקע נעגל,
די וועלט זאָל ווערן ריינער...

און דער, וואָס וועט ניט פּאָלגן מיך,
וועט ווערן מיט כיירעם באַשטראָפט!
שטילער, שטילער, שטילער זאָל זײַן,
ווײַל בערעלע שלאָפט.

זעט נאָר, זעט, ווי בערעלע
שמייכלט פונעם כאָלעם —
ס'איז א ווײַס־קלאָר ציגעלע
פון וויגנלאַנד געקומען...

וואַקסן ארום בערעלען
באָקסערלעך און פײַגן,
און א געקרוינטע פּאווע
וויגט זיך אױף די צווײַגן...

1962

די פערטע
פטרונע

בלעטער

ווי שיין,
ווי שאַרף,
ווי דראָענדיק
זיינען פֿאַרשפּיצט צו די הימלען
די קנאָספּן די גרינע;
ווי נאָך ניט צעעפֿנטע,
פֿאַרקרעמפּעוועטע
קינדערישע פֿויסטעלעך,
גיבן זיי צו וויסן:
אַלץ איז אונדזערס!
אַלץ!

ווי שיין,
ווי שטיל,
ווי עמעסדיק
עס שטאַרבן די בלעטער;
ווי דלאָניעס פֿאַרגעלטע,
ווי אָפֿענע הענט —
באַ דעם, וואָס קלייבט זיך
פֿאַרלאָזן די וועלט
און ווייזט איר:
כ'האָב גאָרניט גענומען!
גאָרניט!

1965

ניי מיר אוף א גרינע עלטער

טײַערע שנײַדער,
כ'בין געקומען דיך בעטן —
אָט האָב איך געבראַכט דיר
א קאָשעק מיט בלעטער, —

איז זײַ זיך מאטריִעך,
לייג ניט אָפּ אף שפּעטער
און ניי מיר אוף
א גרינע עלטער...

וועלן מיינען די פייגל —
ס'איז א בוים אויסגעוואקסן,
און בויען זיך נעסטן
בא מיר אף די אקסל,

זײַן וועט א סטעזשקע
צו מיר אויסגעטראָטן
און וויגן א וויגל
מע וועט אין מײַן שאָטן.

1965

ווײַזט אויסעט, פון גליק...

דאָס ליכט האָט געברענט —
געברענט און געוויינט,
געלויכט
און געשײַנט...

ווײַזט אויסעט, פון גליק, —
וואָס מע האָט עס אָנגעצונדן.

האָבן טרערן געטריפט
און פארגליווערט געוואָרן
ווי פראָסטיקע קווייטן,
ווי פארקישעפטע שלעסער
פון א וווּנדערלעכער מײַסע...

אינדערפרי
האָט אן אָרעמע קאַלע
מיט ווארעמע פינגער
אויסגעקנאָטן
פון די פראָסטיקע קווייטן,
פון די פארקישעפטע שלעסער
א לעבעדיק צווײַגל —
צוגעשפיליעט
צו איר קאַלע־שלייער

און זיך צעשײַנט —
און זיך צעװײנט...

װײַזט אױסעט, פֿון גליק,
װאָס דאַרף נאָך,
װאָס װעט נאָך
מעקױיעם װערן!..

1965

מײַנע לײַכטער

װונט־צײַט
האָב איך זיך דערװוּסט
א נײַס —
און שוין ניט געקאָנט אנשלאָפן װערן...
אָנגעקלאפּט באלד
צו מײַן הארץ אין לאָדן:
זאָג מיר, כ׳בעט דיך,
ס׳איז עמעס?
כ׳האָב א פרײַנט צו זיך פארבעטן,
און ער האָט מיך באגאנװעט!
צוגערויבט בא מיר
מײַנע לעצטע פּאָר לײַכטער?

ס׳איז עמעס!
האָט געטיאָכקעט מײַן הארץ,
ס׳איז עמעס!
געגאנװעט —
און איך האָב געמאכט זיך
ניט הערנדיק,
װײַל ער
באדארף זיי בילכער,
די לעצטע פּאָר לײַכטער,
די שײַן פון די ליכטער...

ווייל בא אים איז,
ניט דאָ געדאַכט,
געשטאָרבן
זיין לעצטע האָפענונג.

1965

רויטער ווײַן

רויטער ווײַן, זיסער ווײַן,
איז דאָך טאַקע גוט —
איין כיסאָרן האָט ער נאָר —
ער דערמאָנט מיר בלוט.

נעם אים צו און פרעג מיך ניט
קיין איבעריקע מײַסעס,
נעם אים צו און שטעל אוועק
דאָס פלעשל ווײַן דאָס ווײַסע.

ווײַסער ווײַן, שטאַרקער ווײַן —
וואָס איז דאָ צו קלערן...
איין כיסאָרן האָט ער נאָר —
ער דערמאָנט מיר טרערן.

נעם אים צו און פאָלג א גאַנג,
אויב דו ווילסט מיר דינען,
טו א שפרונג און ברענג אַרײַן
א קופל ביר מיט פינע.

שוימיק ביר — קאַלטער ביר...
גיי ניט, כ'האָב א טײַנע —
די פינע קאָן דערמאָנען מיר
די סיווע פאַטלעס מײַנע.

1966

די שיינהײַט

געשניצט האָט א מײַסטער,
געטאָקט פון א שטיין
א וווּנדער, א קישעף —
די שיינהײַט אליין.

געטאָקט ווי א נאַקעט,
א דורכזיכטיק לאָגל
און לאַנג זיך געשפּיגלט
אין יעדן איר נאָגל.

און שוין אף דער עלטער,
גראָוו און געבויגן,
דערשליפן האָט ער
אירע לויטערע אויגן...

די שיינהײַט האָט אופגעלעבט
פּלוצעם דערשראָקן —
פרעמד און פארכידעשט
געקוקט אפן זאָקן,

א בליץ געטאָן —
שיין, ווי דער כאָלעם אליין,
און נעלעם געוואָרן
צוריק אינעם שטיין.

1963

פליגל

וואָלט איך, מײַן אויצער,
געפאָרן צו דיר —
וואקסן אין וואלד נאָך
די רעדער די פיר.

וואָלט איך געמאכט זיך
א שיפל — א טרוים —
האָב איך געשווווירן
ניט האקן דעם בוים.

וואָלט איך געפלויגן
צו דיר, ווי א פײַל —
האָב איך איין־איינציקן
פליגל דערווײַל.

נאָר פילן איך פיל שוין,
דאכט זיך מיר, קלאָר —
ווי עס וואקסט אף מײַן פלייצע
צום פליגל די פאָר.

1943

עטעלע

אוויסטרוימען וועל איך
א ווּונדערלעך שטעטעלע
און וועל דאָרט באַזעצן
מײַן כאַלעם, מײַן עטעלע.

זאָל זי, פאַרפּוצט
און פאַרפלאָכטן די צעפּ,
שפּילן אין פּילקע
דערווײַל אויף די טרעפּ.

ביז אָנקלאַפּן וועל איך
טוק־טוק אין דער טיר
און ברענגען אין יאַגדטאַש
א קיינפינטל איר,

אַזאַ, וואָס זאָל ווערט זײַן
א דריטל מעדינע,
דעם סטעפּ בעסאַראַבער
און גאַנץ בוקאָווינע,

די וואַלדישע נעסטן,
די קילקײַט פון גראָז,
דעם סאָד פון מײַן האַרצן
און נאָך עפּעס וואָס.

1966

קעדײַ

מ. לאַנדמאַן

באַ יענער — אַ שנירל
פֿון פּערל די צײן,
באַ דער — אױף די באַקן
צװײ גריבעלעך כײן.

שטאַרבט, כעװורע, שטאַרבט,
ניטאָ װאָס צו קלערן —
קעדײַ אין די גריבעלעך
באַגראָבן צו װערן.

1965

טיפּ־טאָפּ

טיפּ־טאָפּ, גייט און קויפט
א בריטשקעלע פּון אײַזן,
זעצט אײַך אוף און קומט צו מיר,
וועל איך אײַך עפּעס ווײַזן:

אף די ווײַסע מײַנע ווענט
וועלן שווימען שוואנען,
שפּרינגען וועלן וועווריקעס
אף די שלאנקע טאנען,

אף מײַן סטעליע אין דער הייך
וועלן וואקסן קווייטן,
און א פּאָרל ציגעלעך
שפּילן אף די פּלייטן.

טאנצן וועט א מאלפּעלע
אף דעם העלפאנדס רוקן,
און א לעוו מיט גלעקעלעך
וועט פאר אײַך זיך בוקן.

וועט איר שוין מיסטאמע שרײַען
בראוואָ! בראוואָ־בים...
מיר, דעם קונצנמאכער,
דעם לעוו רעב שיקע דריז.

נאָר מײַן מאַמע שוויַיגן וועט,
מײַן טײַבעלע מײַן שוואַכס,
און מיט אַ גאָלדן פּעדעמל
צירעווען מײַן האַרץ.

1965

אינדרײַען

מ'יר האָבן געהוליעט אינדרײַען,
געוואָלט זיך פון אומעט באפרײַען,
פון גאָרניט געוואָלט דעמלט קלערן,
געהוליעט מעשוגע צו ווערן...
צעטרייסלט די בערג און צעהוידעט די
טאָלן, —
נאָר, ברידער, מע דארף דאָך באצאָלן!
האָט דער הימל באצאָלט מיט באגינען,
דער יאם — מיט די שענסטע בורשטינען,
און איך — מיט געזאלצענע טרערן
פאר א ביסל מעשוגע צו ווערן.

1966

אָט־אָט

עטעלע מעלאמוד

אָט־אָט וועלן קומען
די זילבערנע פֿרעסט,
וועט בלײַבן מײַן האַרץ
ווי אַ ליידיקע נעסט.

און אויסקוקן וועל איך
מיסטאָמע די אויגן,
ביז קומען צוריק וועט
צו פֿליִען מײַן פֿויגל

און ליגן, ווי שטענדיק,
אין אַ זומער־טאָג העלן
די עטלעכע בלויע
און וואַרעמע קרעלן,

וואָס פֿעלן מיר אויס
צו פֿאַרגאַנצן דאָס שנירל,
כ׳זאָל קאָנען מיט ליבע
דײַן טמימעס באַצירן.

1967

הײַנט

הײַנט וויל איך זײַן ווי א שארף אָטשערעטל,
הײַנט וויל איך זײַן ווי א ציטעריק בלעטל,
הײַנט וויל איך וויינען און הײַנט וויל
איך לאכן,
הײַנט וויל איך שענקען מײַן אקסל דעם
שוואכן,
הײַנט וויל איך זאָרגן און הײַנט וויל
איך שפּאסן,
הײַנט וויל איך ליבן און הײַנט וויל איך
האסן,
געווינען א קאָן און פארשפּילן א קאָן,
הײַנט וויל איך טאָן, וואָס הײַנט דארף
מען טאָן.

1960

צווישן נאכט און גאנצפרי

איך בין נאָך ניט דאָרט, נאָר איך בין
שוין ניט הי —
איך שטיי אַף א בריק צווישן נאכט און
גאנצפרי.

איך בין נאָך ניט אלט, און איך בין
שוין ניט יונג —
נאָר עס לעבט נאָך אין פריסעק
פארטײַעט א פונק.

ווי לאנג נאָך אַף דער־וועלט, איז גלייב איך
און האָף
דעם פורימשפיל מײַנעם דערשפילן ביז סאָף.

1967

הארבסט

שוין דער פויגל אוועקגעפלויגן,
דער וואלד אין גינגאָלד ווייקט,
נאָר א פעדערל א פארלאָרנס
אינדערלופטן הענגט

שטילער, שטילער פון א כאָלעם,
פון א זיסן שלאָף,
אָט־אָט פאלט עס צו דער נידער,
אָט־אָ פליט עס אויף.

אוי, דו פעדער, ווײַסער פעדער,
ווי דער קלאָרער טאָג,
וועמען זוכסטו, נאָך וועמען בענקסטו?
זאָג מיר, פעדער, זאָג!

שווײַגט דאָס פעדערל און ס'פלאטערט —
וואָס זאָל עס מיר זאָגן?..
סײַוויסײַ דעם פויגלס פליגל
וועט עס ניט דעריאָגן.

1965

א רעגנדל

גייען גייט א רעגנדל,
קלאפּט עס אין די דעכער,
שטעלט אוועק א ליכט אין שויב
און אפן טיש א בעכער.

עפשער בענקט אן עלנטער
נאָך א ביסל שייַן,
עפשער לעכצט א וואנדערער
נאָך א טראָפּן ווייַן.

גייען גייט א רעגנדל,
קלאפּט עס אין די דעכער,
שטעלט אוועק א ליכט אין שויב
און אפן טיש א בעכער.

1954

די ערשטע סטרונע

ווען א מענטש האָט צום ערשטן מאָל
דערזען דעם רעגנבויגן,
איז ער אוועק אין וואלד
און אויסגעשניצט א פײַלנבויגן.

ווען דער מענטש האָט אין א הירשעלע
געצילט,
וואָס ניט געווען איז נאָך אנטוויינט,
האָט ער אנטדעקט די ערשטע סטרונע —
דאָס אָנגעצויגן שטריקל האָט געוויינט...

1966

א לויב צו דיר, לעבן

פאר דעם שווין אליין
א לויב צו דיר, לעבן,
וואָס דו האָסט א העמד
ניט פארגעסן מיר געבן,

און טאָמער איך פלעג עס
צעפליקן, צעשינדן,
איז נאָר צוליב יענעמס
א ווונד צו פארבינדן.

1965

מײַן ווילן

אויך איצט,
אױף דער עלטער,
מײַן ווילן
דער גרעסטער —
א שפּרונג טאָן
און לויפֿן
פֿאָרויס
דעם אָרקעסטער.

1966

א דאנק

א דאנק פאר יעדן
פרישן קווייטל,
פאר יעדער צווייַג
מיט ווייַנשל־צוויט.

א דאנק דערפאר,
וואָס קראָפּעווע
האָט טויזנט מאָל
מיך אָפּגעבריט...

1965

באהעלטערלעך

מיר האָבן זיך געשפּילט אין באהעלטערלעך:
איך,
אנקע די בלוי־אויגיקע,
ריווע,
יאָסיע און סאָסיע
און פּעטיע דער קורנאָסע.
כ'האָב זיך באהאלטן אונטער א בוים,
פאַרטײַעט געשטאנען —
געוואַרט, מע זאָל מיך געפינען...

נאָר אָט זײַנען פארבײַגעלאָפן
ריווע,
יאָסיע,
סאָסיע,
אנקע די בלוי־אויגיקע
און פּעטיע דער קורנאָסע,
דורכגעלאָפן און גלײַך אנטרונען...
פונדערווײַטנס האָבן זיך געטראָגן
זייערע פריילעכע קוילעס,
זייער טופּען,
זייער שפּרינגען, —
זיי האָבן מיך, אפּאָנעם,
פארגעסן צו געפינען...
אָט אזוי

בין איך אָפּגעשטאַנען
דעם גאַנצן לאַנגן זומער,
מיר האָבן דאָך געשפּילט אין באַהעלטערלעך
און זיי האָבן דאָך געדאַרפֿט מיך געפֿינען!..
פֿונדערווײַטן האָבן זיך געטראָגן
זייערע פֿריילעכע קוילעס;
דאָס איז אַנקע די בלוי־אויגיקע,
דאָס איז ריווע,
דאָס איז יאָסיע,
דאָס איז סאָסיע,
און אָט איז פּעטיע דער קורנאָסע,
דאַכט זיך, לעבן מײַן באַהעלטעניש,
לעבן מײַן בוים...
אָט זײַנען זיי געווען
און ווידער פֿאַרבײַ —
אַפּאָנעם, פֿאַרגעסן
מיך זוכן און געפֿינען...

בלעטער געלע האָבן זיך געשאָטן,
דער ווינטער האָט מיר אַ קוטשמע אָנגעטאָן —
בין איך מיד געוואָרן,
זיך צוגעלייגט
און זיך אײַנגעדעקט
מיט אַ וואַרעם בערגל ערד...
נאָר איינמאָל,
ווען עס־צײַט,
האָט מײַן דרעמל צערודערט
אַ צוויטשערײַ פֿון פֿייגל,
פֿון יינגעלעך און מיידעלעך, —
פֿון אַנקע דער בלוי־אויגיקער,

פון ריווע,
יאָסיע,
סאָסיע,
פון פעטיע דעם קורנאָסן —
דאכט זיך, ווײַט,
דאכט זיך, נאָ׳נט
און דאכט זיך, טאקע לעבן מיר...
זיי ליגן מיר אוועק צופוסנס
יעדער זײַן בינטל
שניי־בלומען —
פרישע,
ערשט געבווירענע...
. . . .
סאָפּקאָלסאָף
האָבן זיי מיך געפונען.

1966

זיבן
פינגערלעך
מיט
טינט

(1968—1958)

זיבן טינטערלעך

אָלט א פויגל דורכגעפלויגן,
שיק איך אים צום רעגנבויגן:

פויגל, פויגל,
ברענג געשווינד
זיבן טינטערלעך
מיט טינט.

וועל איך שרײַבן אַף פּאַפּיר
יעדעס וואָרט מיט זײַן קאָליר.

טײַך — מיט בלויען,
זאמד — מיט געלן,
גראָז — מיט גרינעם,
טאָג — מיט העלן.

נאָר דאָס בריוועלע דער מאמען —
פון אלע טינטערלעך צוזאמען.

איך שאַרף אַ מעסער

װאַרפֿן שאַרף איך,
שאַרף דאָס מעסער,
קאָנען זאָל עס
שנײַדן בעסער
דאַרע קישקע,
קאָרן ברויט,
מאַכן פּראַקעס,
האַקן קרויט.
קאָנען זאָל
צעטײלן אַרל
אונדז אַן עפּל
צי אַ באַרל,
קאָנען זאָל
צעטײלן פּיניע
אונדז אַ קאַװען
צי אַ דיניע.
קאָנען זאָל עס
שניצן,
קריצן,
שאָבן,
גראָבן,
זאָלסט פֿון דעם
האַנאָע האָבן.

קיין אנדער מעסער
שארף איך ניט,
קיין אנדער מעסער
דארף איך ניט!

קומט, קומט, נארעלעך

קומט, קומט, נארעלעך,
זײַט ניט קיין מעפונעקעס,
לאָמיר לויפן, לאָמיר רײַסן
גוליעס, בײַלן, סיניקעס,
געזאלצענע,
געשמאלצענע,
געבאָדענע,
געצוואָגענע,
געמיימעסטע,
גענעריקטע,
און נאָכאמאָל
געשלאָגענע.
נו, און טאָמער זײַנען זיי
זויערלעך און ביטערלעך,
מאכט מען דען א טאראראם? —
רוקט מען אָן די היטעלעך...
ווי א מענטש אן עלטערער
וויים איך אף געווים,
אז זיי ווערן סאָפּקאָלסאָף
טאם־גאניידן זים.

מײַן שפּאקטיוול

כ'האָב אזא שפּאקטיוול
פון קאָלערליי מין גלאָז.
ווייל איך — ווערט די סטעליע
געל, און גרין, און ראָז,

מײַן זיידנס באָרד די וויַיסע
קאָן ווערן ווידער שווארץ,
און רויט, ווי טינט אין פלעשל,
דער קאָטער מיט דער קאץ.

ווילט איר — גלייבט מיר,
ווילט איר — ניין,
ווילט איר — נאט
און קוקט אליין.

מײַן שיסעלע

אַיצי־קיצע — קאַטעניא,
כ׳האָב א שיסעלע אזא:

ניט פון אײַזן, ניט פון בלײַ,
ניט פון דינעם פאָרצעלײַ,

כ׳האָב אומיסטן אפדערנאכט
מיט דער פּיאטע דאָס געמאכט

אף א סטעזשקעלע פון ליים,
ווען געלאָפן כ׳בין אהיים.

זאָל פון דעם דער סאָלאָווײ
נאָכן זינגען טרינקען טײ.

כ׳האָב און האָב...

כ׳האָב, און האָב, און האָב, און האָב,
כ׳האָב אין קעשענע א באָב.

וואָלט איך פֿארמאָגט אן ערטעלע,
ווו מאכן זיך א גערטעלע,

א טאָרבעלע וואָלקן מיט שטראַלן,
אז א פֿארעווע רעגן זאָל פֿאלן,

ווען איך וועל דארפֿן און וועלן,
מײַן גאָרטן זאָל בליִען און קוועלן, —

מעגט איר פֿארקאטשען די פּאָלעס
און קומען אף צימעס־פֿאסאָליעס.

אייסעך־ווייסעך

פלוצעם זאָגט די מומע העניע:
— טרעפט, וואָס וואַקסט בא מיר אין זשמעניע?

זיסל זאָגט: „א ניסל!"
שלוימע זאָגט: „א פלוימל!"
אנשל זאָגט: „א ווײַנשל!"
ארל זאָגט: „א בארל!"

— אייסעך־ווייסעך, גייט אײַך, גייט, —
א סאָד איז מומע העניע?
פרוכטן וואַקסן אף א בוים,
ניט בא מיר אין זשמעניע!

— מומע העניע, מומע העניע!
וואָס זשע וואַקסט בא דיר אין זשמעניע?

ליבל זאָגט: „א ציבל!"
דאָבל זאָגט: „א קנאָבל!"
שנייער זאָגט: „א מייער!"
כאַקל: „א קאַבאַקל!"

— אייסעך־ווייסעך, גייט אײַך, גייט, —
א בייט איז מומע העניע?

אזעלכע זאכן זוכט אין גאָרטן,
ניט בא מיר אין זשמעניע!

— מומע העניע, מומע העניע!
גאָרניט וואקסט בא דיר אין זשמעניע!
— אָט איצט האָט איר געטראָפן —
גייט און לייגט זיך שלאָפן!

פייגל־שפּראַך

אָלט איך קענען —
ניט קיין סאַך —
צוויי־דרײַ ווערטער
פייגל־שפּראַך.
פּיו־פּי, לעמאָשל,
זאָל הייסן —
כ׳האָב א קנעפּל,
נאָט עס אײַך, פייגעלעך,
און גיט מיר
פייגל־מילך
א טעפּל!
פייגל־מילך —
איז פייגל־מילך.
אוועק וואָלט
א מעסלעס,
האָב איך שוין
א וואָרעקל
מיט געפּרעסטן
קעז.
הייץ איך אויס
דעם אויוון,
גרייט איך צו
א בעקן,
און מאַך פאַר אײַך

קנישעם —
די פינגער
צו באַלעקן,
קנישעם,
וואָס וואָלטן איַיך
געפּלאַטערט
פאַר די אויגן,
געצוויטשערט
אויף די דראָטן,
פון בוים צו בוים
געפלויגן,
געגנעכטיקט אפן דאַך...
לערן איך
און לערן
און קען נאָך ניט
די שפּראַך!

אָדער־אָדער

אָדער־אָדער
אדעראבע,
אויב מײַן באבע
איז א באבע —
וואָס זשע
טראָגט זי
פּאָנגאָנעס א פּאָר?
וואָס זשע
רופט מען זי
כאווער מאיאָר?
אָדער־אָדער
אדעראבע,
אויב מײַן באבע
איז א באבע —
ווּ זשע זײַנען
אירע ברילן?
אירע פּידעלעך
מיט פּילן?
אירע שפּיזעלעך
פון שטאָל?
אירע קנײַלעכלעך
מיט וואָל?
אָדער־אָדער
אדעראבע,

אויב מײַן באבע
איז א באבע —
וואָלט איך װעלן
װיסן קלאָר:
צי רופן זי באבע,
צי באװער מאיאָר?

לאַמיר ציילן

בערל און שמערל און סאָסי,
זאָרעך און באָרעך און דוואָסי,
לאָמיר א צייל טאָן איניינעם —
וויפל פארמאָגן מיר שכיינים?
איינעם — א הויכן,
איינעם — א קליינעם,
איינעם — א מיִעסן,
איינעם — א שיינעם,
איינעם — א קויטיקן,
איינעם — א ריינעם,
איינעם — א גאָרנישט,
וואָס ניטאָ צו אים קיין גראם,
און איינעם — א גאנצן
יא־טאָבי־דאם.

דאָס בייגעלע

— זיבן בייגל
נאָכאנאנד
וועל איך מאכן
דיר פון זאמד,
אז וועסט געבן מיר א בים טאָן
פון דײַן בייגעלע מיט מאָן —
כ׳וועל דיר דאָך מאכן זיבן,
איז וואָס זשע ווערסטו אָן?

— ע! מײַן באָבע האָט געוואָרנט,
באהאלט עס, קינד, האָב סייכל, —
אניט וועט דיר פארבלײַבן
פונעם בייגעלע דאָס לעכל!

וואָס?

טאָמער ווילט איר,
קאָן איך שווערן,
אז בא שלוימקען
אפֿן שטערן,
ווען דער באָכער
האָט געגעסן,
איז א פּארפּעלע
געזעסן
און עפּעס האָט געלויכטן
בא אים אונטער דער נאָז —
נאָר כ׳האָב היינט ניט קיין כּיישעק
אייַך אויסצוזאָגן וואָס.

ווען איך זאָל זײַן א קיניג

ווען איך זאָל מאָנטיק אָדער דינסטיק
ווערן דער מעלעך פון הוידו ביז קוש,
וואָלטן וואקסן אף דער סטעליע
פערעשקעס ווי פליוש.

געווען וואָלט בא מיר א מיניסטער,
וואָס טיילט אלע קינדער מאראנצן,
א צווייטער — וואָלט געהיט,
מע זאָל די פּאָפּאָליקעס שמאלצן.

אראָפּגעקלאפּט וואָלט איך די עפּל
בא יאָסי דעם פליכעוואטן,
און זאָל ער פּרוּוון א קיניג
שלעפן באם אויער צום טאטן.

געקויפט וואָלט איך טײקעף דער מאמען
פון גאָלד און פון זילבער א שפּילקע,
און אליין וואָלט איך שפּילן אין פּאלאץ
מיט יאנקל ציגײַנער אין פּילקע.

בארל־בארל־בארל־בוץ

בארל־בארל,
בארל־בוץ;
לאָמיר ציילן
ביז א טוץ.
לאָמיר מיינען,
לאָמיר קלערן:
בארלעך וואקסן
אפֿן שטערן.
איינס א טערפּקע,
הארט, ווי שטיין,
איינס — א ביטערס,
פּונקט ווי כריין.
איינס געווען וואָלט
א מעכײַע,
ווען מע קאָן עס
נאָר צעקײַען.
איינס — ווי עסיק,
איינס — ווי הייוון,
איינס — ניטאָ
אף דעם קיין מיוון.

בארל־בארל,
בארל־בוץ;
עפּעס פעלט נאָך
צו דער טוץ;

איינס — אין צוקער
אויסגעבאָדן,
איינס — ווי לעקעכלעך
מיט פלאָדן,
איינס — ווי האָניק,
איינס — ווי פּוטער,
איינס — אזוי ווי
צימעס גוטער.
איינס — ווי קאַלטער,
זיסער ווײַן —
בעסער קאָן שוין
גאָרניט זײַן!

דאָס ווערוויקל

אַ בליץ האָט געטאָן
דאָס ווערוויקל קוים —
האָט באַלד זיך צעפלאַקערט
אַ בוים נאָך אַ בוים.

די סריפּע אַלץ גרעסער,
די פלאַמען זיך מערן,
אָט־אָט וועט שוין ברענען
די פעל אױף די בערן.

ציטערט באַם ווערוויקל
אַ דערשראָקענע טרער —
ער ווייסט ניט, אַז שולדיק
דער האַרבסט — און ניט ער.

דאָס שטעקעלע

עטי־מעני,
מעני מיילעכס,
הערט א לידעלע
א פריילעכס.

איַי־איַי א שטעקעלע!
איַי־איַי א שטעקעלע!

וואקסן וואקסט עס
אין וויעטנאם,
אין די וועלדער
בא דעם יאם.

איַי־איַי א שטעקעלע!
איַי־איַי א שטעקעלע!

די וויעטנאמער
פון דעם מאכן
הונדערט טויזנט
שיינע זאכן.

איַי־איַי א שטעקעלע!
איַי־איַי א שטעקעלע!

ס'איז באמבוק
א ווילע זאך:

סײַ א סטעליע,
סײַ א דאך,
סײַ א װיגל
פאר א קינד,
סײַ א טינטערל
פאר טינט,
סײַ א בענקל,
סײַ א טיש,
סײַ א קױשל
פאר א פיש,
סײַ א בענקל
פאר א פרײַנט,
סײַ א שטעקן
פאר א פײַנט.

אײַ־אײַ א שטעקעלע!
אײַ־אײַ א שטעקעלע!

אַף דער העלפט

איך און מײַן שוועסטערל פריידע
פאַרמאָגן בעשותּפֿעס אַ זיידע.
ווי נאָר מיר צעקריגן זיך ביידע,
שרײַט זי, ס'איז אירער דער זיידע.

אַפּילע די וואָנצעס,
אַפּילע די ברילן,
אַפּילע דער שטעקן,
אַפּילע די פּילן,
אַפּילע די פּוישטן
— באַ אים אַף די פיס
אירס!
אירס!
אירס!

טו איך מײַן שוועסטער אַ כאַפּ באַ דעם צאָפּ:
— מײַנער דער זיידע, און טשעפּע זיך אָפּ!
מײַנער דער זיידע, און פּילדער ניט, שווײַג!
מײַנער דער זיידע, און נאַ דיר אַ פײַג!

אַפּילע דאָס בערדל,
אַפּילע דאָס טיכל,
אַפּילע דאָס אַלטע,
דאָס לעדערנע ביכל,

אפילע דאָס יאָמטעוודיק
שניפּסעלע זײַנס —
מײַנס!
מײַנס!
מײַנס!

טוט זי, מײַן שוועסטער, א שפּרונג ווי א כײַע
און הייבט אָן צו טופּען און הייבט אָן צו
שרײַען:
אָט וועט זי אזוי ווי די לאָקשן מיך בראָקן,
אָט שלינגט זי מיך אײַן מיט די שיך און
די זאָקן,

וועט ניט פאַרבלײַבן אפילע
מײַן רימען,
מײַן נאָגל, מײַן צאָן
אַף א סימען,
און אפילע
קיין האָר ניט —
גאָרניט!
גאָרניט!
גאָרניט!

נאָר דאָ איז מײַן זיידע, שוין ניט אַף קיין
שפּאַס,
געוואָרן אַף מיר און מײַן שוועסטער אין קאַס
און האָט מיט א שטריקל א פּראָסטן
אליין אַף דער העלפט זיך צעמאָסטן:

אפילע די וואָנצעס,
אפילע די ברילן,
אפילע דעם שטעקן,

אפילע די פּילן,
אפילע דאָס בערדל,
אפילע דאָס טיכל,
אפילע דאָס אלטע,
דאָס לעדערנע ביכל,
אפילע דאָס פלעשל
מיט עפּעס א שמאלץ —
אלץ,
אלץ,
אלץ.

איין העלפט איז דײַנע, — די צווייטע
איז אירע,
און שאָלעם זאָל ווערן בא אונדז אין דער
דירע...
לויפט זשע, קונדייסים, אונטערן זוניקן הימל
און שטערט מיר ניט כאפּן א דרימל!

איך ווייס ניט

כ׳האָב געטראַכט, געטראַכט
און צוטראַכטן ניט געקאָנט,
ווּ זאָל איך אַהינטאָן
ביידע מײַנע הענט.

האַלט איך זיי אין קעשענע
און פֿיר זיך, ווי עס פּאַסט —
הער איך, ווי מע שושקעט זיך:
„אַ לײדיקגייער וואַקסט!"

נעם איך עפּעס טאָן מיט זיי —
מאָלן אַף די ווענט, —
זע איך, ווי מע טײַט אַף מיר:
„אַ קינד מיט פּוסטע הענט!"

„דאָס קעצל ריר ניט אָן!"
„פּויק ניט אינעם פּעסל!"
„טומל ניט און גראַגער ניט!"
„קריך ניט, ווּ מע דאַרף ניט!"

אַז מע טאָר גאָרניט אַ ריר טאָן, —
מע לאָזט ניט און מע הייסט ניט, —
איז ווּ זאָל איך אַהינטאָן
די הענט מײַנע, — איך ווייס ניט!

נאכעס

מיר האָט געשווירן
דער פעטער נאָכעם,
אז אים האָט געשווירן
די מומע בראָכע,
אז פאר איר האָט זיך געשווירן,
זי געדענקט שוין ניט ווער, —
כאַים־איטשע
צי איטשע־בער,
אז דווירעלע קאָן שוין
פון נעכטן —
די צעפּלעך
פארפלעכטן.

מע זאָגט

מע זאָגט, אַז מײַן טאַטע
די ווערטער וועגט אָפּ.
טראַכט איך און טראַכט
און דריי מיר מײַן קאָפּ:
אויב ס'איז אַן עמעס
און ניט קיין געלעכטער,
איז ווּ זשע די וואָגשאָל,
וואָס וועגט זײַנע ווערטער?
און פּלוצעם געכאַפּט זיך,
צעקײַט שוין דעם ביין:
— אַף די וואָנצעס זיי וועגט ער
און גיי זאָג, אַז ניין!

הענער

אײנער פֿון דעם צװײטן
שענער
די גאַלאַגאַנער
הענער.
זײער שטײען,
זײער גײען,
מאָלע־טאַם
און מאָלע־כײן.
קעדײַ אין קלײט
צו לױפֿן,
טינט און פֿען
זיך קױפֿן,
א קלעקער
אַף צו קלעקן,
א מעקער
אַף צו מעקן
און ביז דעם מינדסטן
פֿעדערל
באַשרײַבן זײ
פֿאַר יעדערן.
אײן־און־אײנציקס
שטעלט מיך אָפּ —
איך פֿאַרשטײ ניט
מיט מײַן קאָפּ,

וואָס דארפן הענער
די שפּאָרן,
אז זיי קאָנען ניט
ריַיטנדיק פאָרן?..

הוידע, הוידע, הוידעלײַ

הוידע, הוידע,
הוידעלײַ,
מאָרגן באַק איך
אַ מאַלײַ.
װעלן ציגעלעך
געבעטענע
טונקען אים
אין סמעטענע,
און דערנאָך
אײנפירן
אַרױסגײען
שפּאַצירן,
מעקען־בעקען
אױפן גאַס
װעגן דעם
און דיזן־דאַס.

א מײַסע מיט א פערדל

געזאָגט האָט מײַן זיידע:
— זאָל קאָסטן ווי טײַער,
גיי איך און קויף דיר
א פערדל — א פײַער!

דער קאָפּ — ווי געטאָקט,
די גריווע — ווי לײַן,
אזוינס ווי אזעלכס
וועט דאָס פערדעלע זײַן!

איך זע, ווי עס שטייט שוין
געזאָטלט באַם פּלויט...
און עפּשער נאָך קויפן
א ביקסל מיט שרויט?

טאָמער גאָר רײַטסטו
דורך א וואלד צו א וועלדל,
ווו ס'כראָפּעט רעב בער,
ווו ס'וואָיעט רעב וועלוול —

זיי קאָנען דאָך, קינד מײַנס,
דאָס פערדל צערײַסן
און נאָכדעם מיט דיר,
מיט מײַן איניק, פארבײַסן... —

זאָג איך, איך וויל נאָך
א הוט מיט א פעדער,
אזא ווי עס טראָגן
די עמעסע יעגער,

א יאגדטאאש מיט פראנזן,
א הונט אף א קייט...
מע זאָגט, אז פאראן
אפן מארק אזא קלייט...

שמייכלט דער זיידע
פון אונטער די ברעמען:
— כ'האָב מוירע, כ'וועל אליין
דיך ניט קאָנען דערקענען!

די פלעדערקאַץ

מײַן מאַמע פּלעגט זיך וווּנדערן:
„געהערט האָט איר אַ נײַס?
קיין לעבל ניט, קיין שפּעלטל ניט —
פֿונוואַנעט זשע די מײַז?

סײַדן נאָר — פֿונעם הימל אַליין
פֿאַלן זיי אין די טוצן אַראָפּ.
גיי איך אום אַ פֿריטשמעליעטע,
זיי לעבערן מיר דעם קאָפּ!

אַ קאָרנטייגל כ׳וואָלט געוואָלט,
דאָס כײַעס גייט מיר אויס —
האָט די לעצטע זשמעניע מעל
אויסגעכאַפּט אַ מויז״.

זיץ איך שוין און פֿרעג בײַ זיך:
וואָס זאָל עס באַטײַטן?
קיין לעבל ניט, קיין שפּעלטל ניט,
אַ קעצל ווי בײַ לײַטן, —

און די מײַז שפּאַצירן אום
אַפֿילע אין די טעפּלעך,
אַפֿילע אינעם ראַנדל
מיט די מילעכדיקע קרעפּלעך.

ניט אנדערש — דורכן קוימען
פליִען זיי אַריַין —
אַוודאי, ס׳איז גאָר פלעדערמיַיז,
און אַנדערש קאָן ניט זיַין.

וואָס זשע טוט מען, טראַכט איך מיר,
סאַרא אייצע געבן,
פלעדערמיַיזלעך זאָלן דער מאַמען
ניט אָפּסאַמען דאָס לעבן?

און אָט האָב איך, מיט מאַזל,
צוגעטראַכט אַ מיטל
(פון פרייד האָט אַזש געטענצלט
אויף מיַין קאָפּ דאָס היטל):

פלעדערווישן האָבן מיר?
— האָבן מיר.
אַ קעצעלע פאַרמאָגן מיר?
— פאַרמאָגן מיר.

וועל איך אים, דעם קעצל,
פלעדער־פליגל צוקלאַפּן,
וועט עס זיַין אַ פלעדערקאַץ
און פלעדערמיַיזלעך כאַפּן.

מיזל-מײַזל

צי עמעס, צי ניין —
קאָן איך ניט שווערן,
נאָר מיר האָט דערציילט
אַן אַלטער לאַמטערן,

אַז רעב מיזעלע-מײַזל
פאַרמאָגט האָט אין קעשענע
עפּשער אַ דריטהאַלבן
גראָשעלעך מעשענע.

פונדעסטוועגן האָט ער
באַשטימט פאַראַכטאָגן
אַפילו דעם ווײַב
און די קינדער ניט זאָגן,

פאַרזעצן די שיך
און אַ באָרוועסער לויפן
זיך טערקישע וואָנצעס
אין סטאַמבול צו קויפן.

נאָר סטאַמבול איז, נעבעך,
געשטאַנען פאַרשלאָסן —
אַ טערקישער רעגן
האָט דאָרטן געגאָסן.

דעם ווינטעלעס שפּילעכלעך

פאראנען א ווינטעלע — גרינג און לינד,
שפּילעכלעך האָט עס אזוי ווי א קינד.
אף איינעם א געסל — א סקריפּ פון א טיר,
אף איינער א סטעזשקע — א שטיקל פּאפּיר,
אף איינעם א וואָגן — א זאנג פון די גארבן,
בא איינעם א מענטשן — א לאָך אינעם ארבל,
אף איינעם א שטריקל — קינדערשע זאָקן,
בא איינעם א מיידל — צעשויבערטע לאָקן...
ליב האָט עס וועקן די ריטשקע פון דרימל,
איניינעם מיט שוועלבעלעך פליִען צום הימל.

פון וואָס זײַנען כאַלוימעס געמאַכט

פון וואָס זײַנען כאַלוימעס געמאַכט,
די גוטע כאַלוימעס באַנאַכט? —
פון רייפן, קנעפּלעך און שטריקלעך,
פון לאָשעקלעך, טויבן און ביקלעך,
פון פריילעכע, זוניקע העזעלעך,
טעצעלעך, קלעצעלעך, גלעזעלעך,
פון די סוידעספּולע מײַסעלעך דער באַבעס
און פון ווארעמע פינגער דער מאַמעס...
פון וואָס זײַנען כאַלוימעס געמאַכט,
די שלעכטע כאַלוימעס באַנאַכט? —
כ'וויל אײַך ניט, טײַערע, שרעקן
און וועל זיי אַף שטענדיק פאַרמעקן.

די גרינע שנײַדערלעך

רוטעלען

גענדז און קאטשקעס, שאָף און רינדער,
קאַץ און מויז און קלײנע קינדער,

ליאַלקעס, העזעלעך און בערן
מוזן באַלד אנשלאָפן װערן,

ניט גערירט זיך פונעם אָרט,
װײַל די שײנע װעסנע פּאָרט!

אין א קארעטע א װינער,
אין א קארעטע א גרינער,

מיט די בעסטע אף דער ערד
אײַנגעשפּאנטע זעקס פּאָר פערד,

מיט צילינדערס אף די קעפּ,
גרינע סטענגעס אין די צעפּ,

מיט קאמאשן אף די פיס,
אופגעגנײט פון װײַסן פליס,

פליִען זײ, באדעקט מיט פינע,
צו די שנײַדערלעך די גרינע,

וואָס מיט סמיטשעקלעך, מיט נערעלעך, —
אהער־אהין אף פּעדעמלעך —

פידלען אוים דאָס גרינע קלייד
אין דער פינצטער שטילערהייט...

— — — — — — — — — — —

שלאָפט זשע, שלאָפט געזונטערהייט!
ווײַל די ווערנע מעסט דאָס קלייד —

אקוראט אזייגער צען
וועט איר זי אין כאָלעם זען.

א גוטע נאכט

אָנגעשפּילט זיך,
אָנגעלאָפן,
דארף א קינד
זיך לייגן שלאָפן.
יעדער בלעטעלע
דאָס מינדסטע
וואשט און צוואָגט זיך
אינדערפינצטער.
טאָר קיין ווינטעלע
ניט ווינטלען,
טאָר קיין פּינטעלע
ניט פּינטלען.
קיינער, קיינער
טאָר ניט שטערן
אונדזער וועלט
נאָך שענער ווערן.
אָנגעשפּילט זיך,
אָנגעלאכט,
שלאָף געזונט,
א גוטע נאכט!

אינהאלט

זײַט

„כאָטש שוואַכער און שוואַכער עס ווערן די אויגן...“ . 5

אײַך, מענטשן

אײַך, מענטשן 9
ניט איך ווײַן און ניט איך לאַך 11
מײַנע קוויטן 12
דער לערער 14
יוגנט 15
דער ערשטער שניי 16
שטיל, שטיל, שטיל 17
מענטשן דערציילן 19
צו מײַן קינד 21
מײַן שענסטע ליד 23
מײַן קאָפּ איז גרוי... 25
באַם סאַמע דניעפּער 27
טיק־טאַק, טיק־טאַק 29
הארבסט 30
כ׳זאָל מערער ניט וועלן 31

ניט שוין זשע קינע?.. 32
א טראַ־לאַ־לײַ 33
א ניגנדל 35
ניט אזוי דער בול־בול־בול... 37
ציגײַנער 39
באם דאָקטער 40
מע זאָגט 42
גיי איך, זע איך... 43
די קלוגע סוועטאָפאָרן 45
די אונטערשטע שורע 46
א צאצקע אף רעסאָרן 49

בא דער גרענעץ

דער ערשטער 53
רײַטנדיק אף מײַן פערד 55
א ליבע אין וואלד 57
א בריוועלע דער מאמען 58
דער מילנער 59
א נאָדל 61
מײַן כאווערטע מײַע 63
ערגעץ ווײַט וואלגערט זיך... 64
זעקס לידער צו מײַן פרײַנט שארל 66
גוטמאָרגן! 66
מושקעטערן 67
איךווארט אף א קארטל 68
אָרעוואר 70
לאָמיר זיך שווערן 71
כאָלילע 72

פאָלקסטימלעך

מײַן פעטער פלעגט זאָגן... 75
וואָס ס'שטעקט אינעם טאַנץ 77
די וועלט זאָגט א ווערטל 79
לויף צו דער מאמען 81
מײַן זיידע דערציילט 83
מעסיע נישט־געשטויגן 84
א מאָנאָלאָג פון א באָנדער 85
א בוידעם מיט בארלעך — א נעכטיקער טאָג 87
עפשער יאָ און עפשער ניין 89
פופיק און קישקע 92
וואָס איז בעסער 94
קיצי־מיצי 96
דאָס אייזל און די בין 98
ווער לעבן וואָס דרייט זיך 100
גוטע רעפועס 101
וועמען וואָס עס דאכט זיך 102
ווער וואָס עס מאָלט 103
ווער וואָס עס לאָזט 104
וויאזוי די קראָ איז געוואָרן שווארץ 105
פארוואָס שרײַט די קוקאווקע „קוקו" 106
דאָס אלטע פערד 107
א וויגליד זיך אליין 108
דאָס קנײַלעכל וואָל 109

פ'ה נקבר

שטיקעלעך גלאָז 121
דעם פידעלעס נעשאָמע 123
יודע־לייב 125

דרײַ ביימער . . . 126
האָצמאַך איז א בלינדער . . . 128
צווישן סטרוזשקעס . . . 130
אוי, ווי עס שרײַען די מעווס! . . . 132
לופטבאלאָנען . . . 134
באבי־יאר . . . 135
א כאָלעם . . . 137
דאָס וויגעלע . . . 139
פון יענער זײַט כאָלעם . . . 140
דער זיידע . . . 142
א הויכער בוים, א שיינער בוים, א שטארקער בוים! . . . 143
ווען איך זאָל זײַן דער גאָר־גאָר־גאָר... . . . 145

די פערטע סטרונע

בלעטער . . . 149
ניי מיר אויף א גרינע עלטער . . . 150
ווײַזט אויסעט, פון גליק... . . . 151
מײַנע לײַכטער . . . 153
רויטער ווײַן . . . 155
די שיינהײַט . . . 156
פליגל . . . 157
עטעלע . . . 158
קעדײַ . . . 159
טיפּ־טאָפּ . . . 160
אינדרײַען . . . 162
אָט־אָט . . . 163
הײַנט . . . 164
צווישן נאכט און גאנצפרי . . . 165

הארבסט 166
א רעגנדל 167
די ערשטע סטרונע 168
א לויב צו דיר, לעבן 169
מייַן ווילן 170
א דאנק 171
באהעלטערלעך 172

זיבן טינטערלעך מיט טינט

זיבן טינטערלעך 177
איך שארף א מעסער 178
קומט, קומט, נארעלעך 180
מייַן שפאקטיוול 181
מייַן שיסעלע 182
כ'האָב און האָב... 183
אייסעך־ווייסעך 184
פייגל־שפּראך 186
אָדער־אָדער 188
לאָמיר ציילן 190
דאָס בייגעלע 191
וואָס? 192
ווען איך זאָל זייַן א קיניג 193
בארל־בארל־בארל־בוץ 194
דאָס וועווריקל 196
דאָס שטעקעלע 197
אויף דער העלפט 199
איך ווייס ניט 202
נאכעס 203
מע זאָגט 204

הענער 205
הוידע, הוידע, הוידעלײַ 207
א מײַסע מיט א פערדל 208
די פלעדערקאַץ 210
מיזל־מײַזל 212
דעם ווינטעלעס שפּילעכלעך 213
פון וואָס זײַנען כאַלוימעס געמאַכט 214
די גרינע שנײַדערלעך 215
א גוטע נאַכט 217

Овсей Овсеевич ДРИЗ

ЧЕТВЕРТАЯ СТРУНА

(на еврейском языке)

М. «Советский писатель», 1969, 224 стр. Тем. план вып. 1968 г. № 284.

Художник *С. Б. Телингатер*. Редактор *Л. И. Левин*. Худож. редактор *Е. Ф. Капустин*. Техн. редактор *А. М. Токер*. Корректор *А. Б. Стрельник*. Сдано в набор 13/V 1968 г. Подписано к печати 18/XII 1968 г. А-10850. Бумага 70×90$^1/_{32}$. № 1. Печ. л. 7(8,19). Уч.-изд. л. 5,20. Тираж 4000 экз. Зак. 378. Цена 71 коп. Издательство «Советский писатель», Москва К-9, Б. Гнездниковский пер., 10.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома Комитета по печати при Совете Министров СССР пер. Аксакова, 13